STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04861

SHTILE VEGN

Jacob H. Sapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by William Bluestone
in memory of
Morton & Ruth Bluestone, may their memory be a blessing

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטילע וועג

לידער פון
יעקב סאַפּיראָ

Copyright 1953 *by* Jacob H. SAPIRO
511, West 113 str. New York 25, N.Y., U.S.A.

מיט האַרציקייט, ליבשאַפט
און טיפן דאַנק צו מיין פרוי,
וואָס האָט דורך איר מוזיק מיך
געלערנט קלאַנג און ריטם

אַ פּאָר ווערטער

ווען איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוגעבן מיין בוך „שטילע וועגן", האָב איך תמיד געהאַט אין זינען צו דאַנקען אונזער גרויסן דיכטער אברהם רייזען ז"ל פאַר דעם אינטערעס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו מיינע לידער און פאַר זיינע פריינדלעכע אָנווייזונגען. איצטער איז רייזען מער ניטאָ, אָבער זיין ליכטיקער זכרון וועט בלייבן פאַר מיר מיין גאַנץ לעבן.

מיין וואַרעמסטע אָנערקענונג מיין חבר — דעם פּאָעט פון יינגערן דור און עסעאיסט — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט מיר געהאָלפן צו־זאַמענשטעלן די זאַמלונג.

אין בוך זיינען אריין לידער, געשריבן פאַר די לעצטע אַכט יאָר. אַ טייל פון זיי איז דערשינען אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. צוליב טעכנישע סיבות האָט אַ טייל לידער נישט געקענט אַריינגיין אין דער זאַמלונג.

צוליב די זעלבע טעמים האָב איך אויך ניט געקענט אַריינגעמען די מוזיק, וואָס איז געווען געשריבן צו אַ צאָל מיינע לידער. איך האָב נאָר געבראַכט פאַר דריי לידער די מוזיק געשריבן פון מיינע צוויי גוטע פריינט, דעם קאָמפּאָזיטאָר — אַרי׳ בן ארז׳ אברהמסאָן און פון דעם פראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר קליקע־פּלייעל.

איך ברענג אין בוך, הגם עס געהערט ניט צו מיינע לידער, צוויי חסידישע ניגונים פון מיין אומפאַרגעסלעכן פאָטער ר׳ אברהם סאַפּיראָ ז"ל. מיין פריינד, דער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־פאָרשער פּראָפ. ש. ראָ־זאָווסקי, האַלט, אַז עס וואָלט געווען אַ שאָד אויב די ניגונים וואָלטן נים אַריין אין אוצר פון אונדזער יידישער פאָלקס־מוזיק.

צום סוף וויל איך נאָך דאַנקען דעם ערליך־אַלטער ברענטש פון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ פריינדלעכן אינטערעס אין דעם אַרויסגעבן פון מיין בוך.

יעקב סאַפּיראָ

אָפּטיילונגען:

1. שטילע וועגן
2. ליכט אין אונדז
3. יידישע פּערל
4. צו דיר
5. באַלאַדעס און לעגענדעס

ערשטער טייל

שטילע וועגן

כ׳ליב

איך ליב מיין וואַלד, די שטעגן שטילע,
וואו איינזאַמקייט אויך גיט דיר פרייד, —
וואו אין דיין האַרץ גייט אויף אַ תפילה,
דערווייטערט — ווייט פון מענטשנס רייד.

איך ליב די טעג אין האַרבסט שוין שפּעטער,
ווען בוים און צווייג איז בונט פאַרקליידט;
די ערד אָרום, באַדעקט מיט בלעטער,
איז ווי אַ טעפּיך אויסגעשפּרייט.

איך ליב פון וואַלד דאָס שטילע שווייגן,
וואו אויך אַ פויגל שטערט די רו;
און ס׳איז דאָס רוישן פון די צווייגן
אַ שטיל געזאַנג — נאָר הער זיך צו !

איך ליב סעפּטעמבער אין פרימאָרגן,
די רויט פון זון, וואָס איז שוין גרייט,
די גרינע גראָז, אין טוי פאַרבאָרגן,
צו וועקן מיט אַ קוש — באַגלייט.

דער פעלדוועג

ס'לויפט דער וועג פון דאָרף אַרויס
צווישן הויכע וועגט פון קאָרן;
טרעפט, באַגריסט אַ ווילדע רויז —
ערשט אַ טאָג צוריק געבאָרן.

לויפט דער וועג — וואָר ווייס וואוהין, —
גריסט דעם עפּלבוים דעם קרומען,
ס'פליט אים לאַנגזאַם נאָך אַ בין
פון דער יונגער רויז געקומען.

שפּרינגט אים נאָך דער דראַקאָן-פליג,
אויף און אָפּ די פּיסלעך דינע.
שאָקלט ריטמיש, ווי אַ וויג,
זיינע זיידן פליגלען גרינע.

און אין לופט אַ סערענאַד
זינגען פויגל לאַנגע שטונדן,
אַ באַגלייטן מיט פּאַראַד —
ביז ער ווערט אין וואַלד פאַרשוואונדן.

עכאָ

איך גיי פון דעם וואַלד אין דעם שטעטל אַריין,
פאַרטיפט אין געדאַנק — און איינזאַם, אַליין.
אין פורפור די זון, עס אָטעמט מיט ווײַן
אַריבער די בערג וואו די עכאָ איז ריין.
אאו, אאו, אאו . . .

עס טונקלט דער אָוונט, די לופט איז ווי שטום,
עס שוואַרצן זיך בערג אויפן הימלשן פאָן.
כ׳וויל הערן אַ קול פון אַרום און אַרום —
און כ׳רייד צו דער עכאָ מיט הילכיקן טאָן.
אאו, אאו, אאו . . .

און האַרציק און וואַך איז די עכאָ ווי איך,
זי ענטפערט דעם זין פון מיין טיפסטן געפיל;
זי ענטפערט מיין ריידן, דערמוטיקט מיך גיך,
באַגלייט מיך און פירט מיינע טריט אין דער שטיל.
אאו, אאו, אאו . . .

נוסבוים

איך נעם פון דיר אָפּשייד, מיין נוסבוים, מיין ליבער,
איך וועל מן הסתם דיך שוין קיינמאָל ניט זען;
ניט זען ווי דו וועסט קעגן ווינט ווי אַ גבור
זיך ווידער אַלץ ראַנגלען מיט גבורה און ברען.

דו וועסט שוין דיין שאָטן אויף מיר מער ניט וואַרפן,
מיט גרינער מאַנטיליע ווי בריסעלער שפּיצן;
דו וועסט מיך ניט האָבן און אפשר ניט דאַרפן,
צו היילן די וואונדן געשניטן פון בליצן.

ביים אָפּשייד פון דיר אין אַ קלעמיקן שווייגן,
האָט וועוויערקע מיר צוגעוואָרפן אַ נוס;
דאָס האָסטו אַזוי מיטן רויש פון די צווייגן,
מיט וועוויערקע — ביידע — געשיקט מיר אַ גרוס.

די שטוב אויפן באַרג

מיט ציטער אין האַרץ, נאָך פאַרלאָפענע יאָרן,
בין איך צו אַמאָליקער באַרגהיים געקומען.
מיין היים! — ס'ווערט די בענקשאַפט דאָך קיינמאָל פאַרלאָרן —
דאָס הויז און די בוימער, די פאַרביקע בלומען,
די סטעזשקע צום שטראָם מיטן שאָטן דעם קילן, —
פאַרזיגלטע, הייליקע, ליבע געפילן!

ווי איך, איז די שטוב שוין פאַרעלטערט געוואָרן.
געבליבן איז איינס, וואָס איך קען ניט פאַרגעסן:
דער גאַניק, אויף וועלכן אין פריערע יאָרן,
בין איך מיט מיין ליבער צוזאַמען געזעסן —
פון סודות באַרוישט, און ס'האָבן אונדזביידן
די בוימער פאַרוויגט שטיל: זיך קיינמאָל צו שיידן.

מיר דוכט זיך: עס גריסט מיך דער עפּלבוים ווידער,
זיך פרייענדיק איצט מיך צו זען נאָך אַמאָל,
מיר דוכט זיך, ער דאַנקט מיר דערפאַר וואָס אין לידער
דערמאָן איך מיין פריינט, וואָס איז איינזאַם אין טאָל.
איך שפּרייט מיינע הענט אויס און נעם אים אַרום,
מיט בענקשאַפט איך ווידער געזעגן זיך שטום.

און איידער איך שייד, וויל איך איינס ניט פאַרפעלן:
אויף סטעזשקע, מיט ווילדגראָז פאַרוואַקסן, צו גיין
צום שטראָם, וואו עס לויפן, ווי פיילן, פאַרעלן
אין לעכער פון זאַמד, צווישן גראָזן און שטיין.
דאָרט זיצן אַליין אויף דער הילצערנער באַנק,
און איינזאַם צו ריידן צום האַרץ און געדאַנק.

אין איינזאַמקייט

אין איינזאַמקייט, וואו כ׳בין געבליבן
אין וואַלדישער טיפקייט אַצינד,
קומט אָן ווי פון אימפּעט געטריבן —
מיט טומל־סיגנאַלן דער ווינט.

צעטראָגט דאָ דער ווינט אַ געשיכטע,
וואָס ער האָט געהערט אין גאַלאָפּ:
ער וואָרנט דעם דעמב און די פיכטע —
ס׳קומט שטורעם פון הימל אַראָפּ!

ווי שלאַנגען באַלד דרייען זיך בליצן —
אַן אויטאָגראַף שיינער פון גאָט!
אַזוי איז געווען דאָך גאָטס קריצן
אויף לוחות די צוויי — צען געבאָט.

נאָך רעגן און דונערשע קראַכן,
דער מלאך — די זון — טוט זיין פליכט,
באַווייזט זיך פון וואָלקנס מיט לאַכן,
וואַרפט וואַרעמקייט, פלאַמען און ליכט.

אַנטבלויזט ער זיין האַרצן פון פייער,
באַווייזט זיין צעשמאָלצענע ברוסט, —
מאַכט ס׳לעבן פאַר אונדז ווידער טייער,
פאַר מיר, פאַר׳ן בוים, פאַר׳ן קוסט.

ווינטער

דאָס עלנטע טרוקענע בלאַט ווערט געיאָגט
פון ווינט אויף פאַרגליווערטן שוואַרצן אַספאַלט.
פון איבער די בערג קומט דער ווינט און ער זאָגט :
באַלד קומט דער ווינטער — פאַרצאָרנט און קאַלט.

די בלייענע וואָלקנס באַווייזן זיך שוין.
עס דויערט ניט מער ווי אַ טאָג אָדער צוויי —
מיין באַרג, דער באַליבטער, וועט טראָגן אַ קרוין,
אַ פינקלדיק ווייסן, פון קלאָר-פרישן שניי.

די נאַקעטע בוימער באַהאַלטן אַ סוד :
זיי וועלן זיך שיצן פון ווינט און פון קעלט, —
זיי היטן די כוחות, וואָס שענקט זיי גאָטס גנאָד,
צו אויפלעבן ווידער אין זוניקער וועלט.

כריזאַנטעמען

אין מיין לעבן איינזאַם, שטומען,
ווען דאָס האַרץ פאַרדריקט אין קלעמען,
פרייען מיך די לעצטע בלומען —
פאַרביק-פולע כריזאַנטעמען.

איז דער קאַלטער ווינט געקומען —
הויבן אָפּשייד אָן צו נעמען
פון דעם האַרבסט די שפּעטסטע בלומען —
לעצט-צעבליטע כריזאַנטעמען.

בעטן עפּלבוים דעם קרומען,
ווי זיי וואָלטן גאָר זיך שעמען :
„גרים אין מאַי די ערשטע בלומען
פון די לעצטע כריזאַנטעמען".

צוויי טייכן

מיזורי און ווילקי — זיי זיינען צוויי טייכן,
זיי ביידע — פאַרחתמעט ביי מיר אין זכרון;
דער ערשטער באַוואַסערט אַ געגנט אַ רייכע —
אין לאַנד, וואָס איז איצטער מיין ניי־היים געוואָרן.

זיין וואַסער איז מוטנע, דער אָפּגרונד איז טיף,
קיין צוגאַנג ניטאָ צום פאַרוואַקסענעם ברעג;
איך הער ניט, אַז פריילעך זאָל פייפן אַ שיף,
איך זע ניט קיין פישער אין שטראָמיקן וועג.

גאָר אַנדערש געווען איז אין ליטע, מיין היים —
געפלאָסן איז ווילקי מיט וואַסערן קלאָר,
ביי זאַמדיקע ברעגן, אָן שטיינער און ליים,
מיט צוגאַנג אַ פרייען פיר צייטן אין יאָר.

דאָרט פלעגן די קינדער מיט פרייד ביי דער מיל
זיך שפּילן אין וואַסער אין זוניקער רונד;
דאָרט קומט מען צו תשליך מיט תפילה און שטיל
דאָרט זינקען פון יידן עבירות צום גרונט.

די לבנה פלעגט קוקן בגנבה אַראָפּ,
ווי פאַרלעך זיך שיפן ביים מיל, ביי זיין ראָד;
און ס'פלעגן זיך בייגן אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ,
מיט בליקן דערציילן פון ליבע דעם סוד.

דער הירש

(אַ באַגעגעניש אין וואַלד)

קלאָר ווייס און צאַרט
איז אַ פרישער שניי שוין פריצייטיק געפאַלן —
באַלויכטן פון זוניקע פינקלענדע שטראַלן.

פאַרגליווערט און האַרט
ליגט וואַלד־וועג צופוסנס די בוימער און צווייגן,
פאַרטיפט אין אַ סודות׳דיק שטילקייט און שווייגן.

אַ טרוקענער צווייג,
וואָס קען מער די שווערקייט פון שניי ניט אויסהאַלטן,
ברעכט אָפּ זיך מיט קנאַק פון דעם בוכהאָלץ דעם קאַלטן.

איך קוק און איך שווייג —
מיט איינמאָל דערהער איך, נאָענט ביי דער דינער אַקאַציע,
אַ שפּרונג פון אַ הירש מיט פלינקייט און גראַציע.

סאַמעטנע אויגן —
קוקן פאַרוואונדערט, נאַיוו, און מיט שטאָלץ
האַלט ער זיין קערפּער, געשניטצט ווי פון האָלץ.

קאַפּ אויסגעבויגן —
קוקט ער מיך נייגעריק אָן ווי אַ פּריינט,
ווי ער וואָלט פּילן, אַז שוין ניט פון היינט

איין גורל איז דאָ פאַר אונז ביידן :
„אויך מיר האָט מען צבי־הירש אַ נאָמען געגעבן,
זיינען טעג זיך געלאָפן געמיינזאַם אין לעבן.

נו, וואָס זאָל איך ריידן ?
געמיינזאַם ביי אונדז איז דאָס לויפן און יאָגן
תמיד אין לעבן מיט סכנה זיך שלאָגן".

„ביזט גערעכט, ביזט גערעכט",
געמיינט, אַז דער הירש האָט זיך פריידיק צעשטראַלט,
דאָך פלינק מיט אַ שפרונג איז פאַרשוואונדן אין וואַלד, — — — —

„דער מענטש איז שלעכט . . ."

דער האָז

(אַ קינדער־ליד)

ס'וואוינט אין וואַלד אַ יונגער האָז
ביי אַ ווייסינקער בעריאָזע,
זעלטן שטעקט אַרויס זיין נאָז,
קיינמאָל האָט ער ניט קיין העזה.

צווישן וואָרצלען און זיין הויז,
לעבט און ציטערט חבר האָז;
שרעקט זיך תמיד, היט זיך אויס,
לעקט אַ צווייגל, שמעקט אַ גראָז.

פלוצלונג ווערט אַ זאַווירוכע
און דער ווינט גיט שטאַרק אַ בלאָז;
און עס האָט ניט קיין מנוחה
אונדזער שרעקעוודיקער האָז.

ס'רוישן ביימער אין אַ יעלה —
שפרינגט דער האָז פון וואַלד אַרויס.
„וואו זשע לויפסטו, וואַרט אַ ווײַלע,
די סכנה איז דאָך גרויס!

טרו און טרו — הער אויף צו שוועבן;
זעסט — עס קומט אָן אויטאָ אָן!
אויסן וואַלד קען שלעכטס נאָך געבן,
שטעל דיין לעבן ניט אין קאָן".

דאַנדעליאָנען *)

אויף די לאָנקעס שפּראָצן בלומען —
ס'איז דער פרילינג אָנגעקומען;
שפּראָצן אומעטום מיליאָנען —
בריליאַנטן — געלע דאַנדעליאָנען.

לאָנקעס — גרין, מיט פלוש באַצויגן,
שיינער פאָן פאַר בוימער גרינע;
בלענדן בלומען אין די אויגן :
דאנדעליאָנען — שטעמלעך דינע.

קורצן לעבן, מאָדנעם נאָמען,
האָבן „ציינער פון אַ לייב";
אונטער בלעטער ליגן זאָמען
אין אַ שפּינוועב — באַל פון שטויב.

הויבן בלעטלעך אָן צו פאַלן,
פאַלט דער גאָלדנער גלאָק פון קאָפּ;
גאָלע שטאַמען, פוכקע באַלן —
וואָס דער ווינט בלאָזט באַלד אַראָפּ.

בלייבן וואָרצלען, שלעכטע גראָזן,
שלעכטער אָנדענקען פון בלום;
ווערט דער פוך פון ווינט צעבלאָזן
איבער פעלדער רונד אַרום.

*) דאַן־דע־ליאָן — אויף פראַנצויזיש : ציינער פון אַ לייב.

עפּל

מיט די ערשטע פרילינג־שטראַלן
ווייזן קאַרשן ערשטע בלומען;
און די ווייסע בלומען פאַלן,
באַלד ווי זומער איז געקומען.

וואַקסן פּרי אויף בוים און בוים,
אויפן פּאָן פון בלעטער צאַרטע —
רויטער קאַרש, אויך בלויער פלוים —
פּרוכט מיט זאַפט, מיט ביינדלעך האַרטע.

גיך געוואַקסן, גיך פאַרשוואונדן,
ווערן אַלע ערשטע פּרוכטן;
אַנדערש וואַקסן עפּל רונדע,
פון דער זומער־זון באַלויכטן.

טעם און דופטן, זאַפט און סאָקן
האָבן זיי פון זון גענאָסן;
און ווי גאָלד'נע רויטע גלאָקן
הענגען זיי ביז שפּעט אין אָסיען.

ווען דאָס האַרץ וויל זיך דערקוויקן
מיט אַ פּרי אַ געשמאַקע,
פאַלט אויף עפּל מענטשנס בליקן, —
קושן ליפּן זיינע באַקן.

ווייט פון ניו-יאָרק

מיט פרייד האָב איך נעכטן פאַרלאָזן ניו-יאָרק,
אַוועק פונם שטאָטרויש גאָר ווייט אויפן לאַנד.
איך פיל איך האָב היינט שוין פאַרלוירן די זאָרג,
וואָס האָט מיך געדריקט שווער אין שטאָט נאָכאַנאַנד.
פאַרלוירן אינגאַנצן, איך ווייס ניט אַוואו;
קען זיין גאָר אין סטויגן פון פרישינקן היי,
און אפשר ביי יאָדלעס אין שטילקייט און רו,
צי ביי דער בעריאָזע — די ווייסע ווי שניי ?

עס זיינען די דאגות, די מורא פאַרשוואונדן,
פאַרשוואונדן אינגאַנצן — איך ווייס ניט אַוואו;
און אפשר אויף וועגן אין שפּעטיקע שטונדן,
צי אונטער דער זון, ווען די אויגן כ'מאַך צו ?
צי גאָר אונטער בלומען פון גליאיקע פאַרבן;
און אפשר אויף פעלדער פון צייטיקן קאָרן,
וואו יאוש-געדאַנקען פאַרוועלקן און שטאַרבן
און נייע אין זוניקייט ווערן געבאָרן ?

דריי בעריאָזקעס

שטייט ביים וועג אַ שטאָם אַ פעסטער,
פון אים וואַקסן שלאַנקע, דינע,
דריי בעריאָזקעס — טרייע שוועסטער,
קליידלעך ווייסע, קעפּלעך גרינע.

נאָנט צוזאַמען, צוגעטוליעט,
מיט אַ שטיינער־וואַנט פון הינטן :
זיי צו שיצן, ווען עס הוליעט
שטאַרקער פראָסט און בייזע ווינטן.

ליגט אַ גראָבן זיי פון פאָרנט —
פרעמדע גרינג ניט צו דערלאָזן,
און אין גראָבן, ווערט געוואָרנט,
וואַקסן גיפטיק־בייזע גראָזן.

ווען פון הויז אַרויס שפּאַצירן,
קום איך זאָגן זיי גוט מאָרגן,
ווילט זיך דאַן אַ רייד פאַרפירן,
זיי דערציילן מיינע זאָרגן.

שפירן זיי די האַרץ־געפילן,
הויבן אָן זיך באַלד צו בויגן;
שיקן מיר אַ גרוס אַ שטילן, —
פאָרט געבליט פאַר מיינע אויגן.

העלפט דער ווינט בגנבה אונטער —
שאָקלט אַלע דריי כסדר;
ווערן די בעריאָזקעס מונטער,
אין די ווייסע חופה־קליידער.

נויגן זיך צו מיר די צווייגן,
ווי זיי וואָלטן הענט אויסציען;
בלעטער טרייסלען זיך און דאגה׳ן :
ווי דאָס לעבן צו פאַרציען.

כ׳גלעט די רינד פון בוים מיט פריידן,
גליקלעך כ׳בין צו זיין אינאיינעם;
כ׳טרייסט די בלעטער : פאַר אונדזביידן
אָסיען קומט און שוינט ניט קיינעם.

לאַנדשאַפט

װעגן - שלאַנגען
דרייען מיסטיש זיך אין טאָל,
עכאָ - קלאַנגען
ברענגט פון באַרג צוריק מײַן קול.

בוימער - שטאַנגען
שטייען הוילע, װיי און װינד, —
זיג - געזאַנגען
זינגט דורך זיי דער אָסיען-װינט.

שטום, אָן קלאַנגען,
הויבט אָן שניי צו פאַלן רייך.
װי אין צװאַנגען
האַלט דער פראָסט דעם אייז אין טייך.

אויפגעגאַנגען —
פרילינגס-זון שפּילט נאָכאַנאַנד.
שאָטנס לאַנגע —
בילדער, װי אין סטיל רעמבראַנדט.

אלול-מאַטיוון

ס׳פאַלן שטערן —
לאַנגע עקן —
אין אַ טונקל שפּעטער שעה.
בלעטער ווערן
בונטע פלעקן —
חודש אלול איז שוין דאָ.

לאַנגער שאָטן
וועקט געפילן,
פול מיט אומעט, באַנג און שטיל.
אויף צוויי נאָטן
שפּילן גרילן
מאָנאָטאָניש — אָן אַ ציל.

ווינטן בלאָזן —
קלאַנג פון תקיעה —
רוף פון אלול׳דיקן שפּעט.
קעמען גראָזן
אין שעה׳ן פריע,
צערטלען זיי מיט לעצטן גלעט.

באַרג „איזראַעל״ *)

איז דער ערשטער מענטש געקומען
זיך באַזעצן ביי זיין פוס,
האָט דער באַרג אים אויפגענומען
ווי אַ שיינעם גאַסט מיט גרוס.

האָט געהייסן זיינע בוימער
אים באַשיצן פון דעם ווינט,
פאַרן בלויען רויך פון קוימען —
אים מיט ברענהאָלץ צוגעדינט.

און באַזאָרגט דעם מענטש זיין עסן:
נאַ דיר חיות, פויגל פיל!
האָט אויך יאַגדעס ניט פאַרגעסן,
נים און שוועמלעך — וואָס ער וויל.

מאַכט דער מענטש זיך וועגן, שטעגן,
דורך דעם באַרגוואַלד ביזן שפּיץ, —
גייט דער באַרג אים אַלץ אַנטקעגן,
אַלעמאָל — אין קעלט און היץ.

ווערט דער באַרג דעם מענטשן טייער:
„איזראַעל״ — ער רופט אים איצט,
בלייבט דער באַרג אַ פריינט אַ טרייער, —
באַרג דעם מענטש — באַהיט, באַשיצט.

*) אַ באַרג אין ביר־האמשיר

גייט דער מענטש אין וואַלד אַריין —
זען ווי ס'זילבערט זיך דער רעגן, —
און ווי בלוי אין זונענשיין
ס'ליגט דער שאָטן אויף די וועגן.

ס'האָט דעם מענטשן טיף געצויגן,
זיך צום סאַמע שפּיץ פאַרקליבן,
זען ווי טאָפּלט רעגנבויגן
קרוינט דעם באַרג מיט פאַרבן זיבן.

זען ווי ס'קושט די זון אין זומער
משופּע־באַרג אין רויטן גלאַנץ,
ווי אין האַרבסט־טעג, פול מיט קומער,
שפּרינגען בלעטער לעצטן טאַנץ.

מאַסקאַראַד

פון ראש השנה־אָן כסדר —
מאַכן בוימער גרויס פּאַראַד;
בײַטן זײ די גרינע קלײדער,
שפּילן אין אַ מאַסקאַראַד.

אַלע בלעטער פאַרן שטאַרבן
ווילן אונדז פאַרשאַפן פרייד:
צירן זיך אין נײַע פאַרבן —
רויט, אָראַנזש — אָן אונטערשייד.

קלײַבט דער דעמב אויס גאָלדן־געלע,
וויל דער בוכהאָלץ האָבן רויט, —
אויך קלענאָווע בלעטער העלע
שײַנען צערטלעך פאַרן טויט.

טרעפט גאַנץ אָפט, אַז ברוין און ראָזע, —
פאַרבן רואיקע אין טאָן,
דעקאָרירן די בעריאָזע
אויף איר ווײַסן, רײַנעם פאָן.

טיף אין וואַלד, גאָר נאָנט צוזאַמען,
מישן זיך די צווייגן אוים;
שטראַלן פאַרבן, ברענען פלאַמען
אויף די בלעטער — קליין און גרוים.

אין אָקטאָבער, אפשר שפּעטער,
ענדיקט זיך דער מאַסקאַראַד;
ס׳וועלקן פאַרבן, ס׳פאַלן בלעטער,
לויפן, יאָגן, נע ונד.

זון וועט זינגן

כמורנער טאָג. אַ שטאַרקער רעגן.
ס'יאָגט אַן אומעט אַן דער ווינט,
ווען איך גיי אויף שמאָלע וועגן
דורכן וואַלד אַהיים געשווינד.

בלעטער־טראָפּנס, טרערן ביטער —
מעלאַנכאָליש אַן אַ שיר,
ווען געוואָרפן פון געוויטער
וויינען צווייגן איבער מיר.

פּלוצלונג : בייט אין לופט געהיימער,
אויך די שטימונג בייט זיך שנעל;
און אויף שפּיצן פון די בוימער
הויבט די זון אַן שיינען העל.

רעגן־טראָפּנס — איצט בריליאַנטן,
בלישטשען, גלענצן ווי אַ קרוין —
אויף דעם טאָפּאָל־עלעגאַנטן
פּערל־טרערן הענגען שוין.

הויבן צווייגן אָן זיך ווערטלען,
ווען דער נעפּל זיך צעגייט;
בלעטער פרייען זיך און צערטלען —
אין דער זוניקייט צעשפּרייט.

הויבט די זון אָן ליכטיק שטראַלן,
פריילעך הענגט אין לופט אַ ניגון :
זיי ביי זיך נאָר ניט געפאַלן,
סוף כל סוף — די זון וועט זיגן.

פרימאָרגן

הענגט אין לופטן הויך אַ הימן,
גייט די זון איצט אויף פון שלאָף;
אַלץ, וואָס לעבט, וועקט זיך מיט שטימען,
איילט די נאַכט דורך טאָל צום סוף.

הויבט דער באַרג אָן אָפּצוווישן
נעפּל־שלייער, ווייס ווי שניי,
אָטעמט לופט מיט האָניק פרישן —
דופט פון פריש געשניטן היי.

אַ סימפאָניע זינגען גרילן,
פירן גראָזשפרינגער באַלעט;
דאַוונען צווייגן שחרית שטילן,
בלומען קושט די זון און גלעט.

און דערנאָך — פאַרגיין אין שווייגן:
ווייט פון שטאָט, פון רויש, פון רויך,
ווי די טוי־באַדעקטע צווייגן,
כ׳פיל אַ תפילה זאָג איך אויך.

צום רויטן טולפּאַן

(סאָנעט)

עס איז דיין רויטע בלעטער־קרוין געזונקען,
ווען איך האָב דיך געגלעט מיט מיינע אויגן.
דיין סאַמעט־גוף האָט שטייף זיך איינגעשרומפּן,
ווען צו דיין שטענגל האָט מיין האַנט געצויגן.
איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס דו האָסט פאַרציטערט :
האָסט ניט געוואָלט איך זאָל דיך זען : ביסט שטויביק,
איך זאָל ניט וויסן ווי דו ווערסט פאַרביטערט,
ווען עס פאַרשווינדט דיין שיינקייט שוין אויף אייביק.

איך זאָל ניט זען ווי ס׳ווערט דיין גורל אָרעם,
ניט שפּירן גאָר פאַרוואָס דו ביסט געבויגן,
איך זע פון וואָרצל האָט אַ בלינדער וואָרעם
די זאַפט, וואָס מאַכט דיך שיין, פון דיר געזויגן;
עס איז דיר שווער, אָ שווער. די טומאה אָנצווזען,
איך — איך זע זי ניט, פאַר מיר דיין פּראַכט איז ווי געוועזן.

דער פריינט פון אַמאָל

אַ נוסבוים איז איינזאַם, ניט ווייט פון מיין גאָרטן,
געוואַקסן אין טאָל מיט די בערגלעך פון הינטן.
אַן אומעט געוועזן איז צו שטיין אַליין דאָרטן —
האָט ער זיך דעריבער געחברט מיט ווינטן.

ביינאַכט זיינען ווינטן געקומען צו גאַסט,
ביז פרי זיך געשפּילט אַרום בוים מיט מוזיק.
דער בוים מיט זיין סקריפּ האָט באַגלייט ווי עס פּאַסט, —
דערנאָך זיך געזעגנט, געפלויגן צוריק.

עס פלעגן די ווינטן די בלעטעלעך גלעטן,
דערפאַר פלעגן בלעטער באַגריסן דעם ווינט.
זיי פלעגן דאַן רוישן, ווי זיי וואָלטן בעטן
דעם לוסטיקן ווינט ווידער קומען געשווינט.

נאָר אָט האָט אַן אומגליק דעם נוסבוים געטראָפן :
אין שטורמיקער נאַכט איז געקומען אַ בליץ.
מיט פייער און בראַנד דורך זיין גוף דורכגעלאָפן,
פאַרוווּנדעט אים טויטלעך פון וואָרצלען ביז שפּיץ.

מער סקריפּעט דער בוים ניט, די וואָרצלען איצט שווייגן,
די בלעטער פאַרוועלקטע איצט פאַלן אַראָפּ;
ניטאָ מער קיין לעבן אין טרויריקע צווייגן,
דער גוף פול מיט וואונדן פון וואָרצל ביז קאָפּ.

און ווידער ביינאַכט זיינען ווינטן געקומען,
איך הער ווי זיי וואָיען און קלאָגן אין טאָל;
זיי האָבן געפונען אַ נוסבוים אַ שטומען,
אויס שפּיל, אויס געזאַנג, מיט דעם פריינט פון אַמאָל.

געזאַנג פון וואַסער

די ערסטע, ווי יונגינקע וואַסערלעך זינגען,
ווען זיי רייסן זיך דורך דעם צעשמאָלצענעם אייז ?
דעם ניגון, ווען שטראָמעלעך צווישן זיך דינגען,
ווער זאָל ערשטער אַרויס פון פאַרקאָוועטן קרייז ?

צי הערסטו, ווי ס׳האָבן זיך פריילעך געטראָפן —
מיט אַ ריטמישן מורמל — די בלעזלעך פון קוואַל,
פון שטיינערנעם באַרג, וואָס געלעגן צום צפון,
מיט די שטראָמען, די מוטנע, ביים טאָלם וואַסערפאַל?

דאָס האַרץ פון דער ערד האָט גענומען שטאַרק שלאָגן,
דערוואַכט פון איר שלאָף ווי אין מעשה דער ריז.
ווען וואַרעם געאָטעמט — געשפּיגן, געטראָגן
ווילדע לאַווען פון וואַסער מיט כעס און קאַפּריז.

צי הערסטו אין וואַסער די פריילעכע שטימען ?
הער, זיי זאָגן : מיר קומען פאַרטרײַבן די קעלט !
די רוישיקע שטראָמען צעהילכן אַ הימן —
צו אַ ריינער, אַ גרינער, אַ וואַרעמער וועלט.

צווײ וועגן

פֿאַריתומט איז דער אַלטער וועג געוואָרן
וואָס שלענגלט זיך דורך פֿעלדער אין דער שטיל;
מען זעט ניט מער די שווערע פֿורן פֿאָרן,
מיט תּבֿואה אָנגעלאָדן, צו דער וואַסער-מיל.

און רעדער אויף זײַן הויקער'דיקן רוקן
מער זינגען ניט מיט גרילצענדיקן טאָן;
פֿאַרלאָזן, פֿלויטן בויגן זיך און בוקן,
מיט גרינעם פּלוש דאָ-דאָרט נאָך אָנגעטאָן.

פֿאַרחרובֿט שטייט אַליין בײַם וועג דער שייער,
פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטער האָט מען טירן פֿעסט;
דאָך בלײַבן צו אים שוואַלבן נאָך געטרײַער —
צו פֿעלדער, לאַנקעס און צו שטילער נעסט.

פֿאַרצאַמט דעם וועג האָט ווילדגראָז, זשאַוווער-קײַטן . . .
נאָר ווילדע רויזן און בלוט-רויטע פּיאָנען —
זיי ציען זיך צום צוגאַנג פֿון די פֿלויטן, —
זײַן אַלטע פּראַכט — דעם וועג נאָך צו דערמאָנען.

***

נאָר אָט ניט ווייט, אַ ביסל אָפּגעלעגן,
האָט מענטש זיך פון צעמענט און פון אַספּאַלט
געבויט מאָדערן־ניי אַ ברייטן וועג פון וועגן,
מיט רחבות, פריי — נאָר גליווערדיק און קאַלט.

אַהערצו פויגל קומען ניט זיך שפּילן,
דאָ זעסטו שטאַנגען, דראָטן און מאַשינען;
עס בליצן נאָכאַנאַנד אויטאָמאָבילן,
וואָס ווען, דוכט זיך, קיינמאָל רו געפינען.

דאָ איז גערויש, געשווינדקייט, שטרעקעס שלינגען . . .
דאָ הערשט דער אימפּעט, שטענדיקער געיעג;
ווער דאַרף דאָ בלומען, פויגל־זינגען . . .
ראַפּסאָדיעס אייגענע זיך שאַפט דער נייער וועג.

צוויי וועגן — צוויי סימבאָלן, דער נעכטן און דער מאָרגן.
פאַר איינעם נאָר מיין ליב, נאָר איינעם נאָר מיין לויב!
דעם דאָרף־וועג, וועלכער ליגט פון וועלט פאַרבאָרגן,
פאַריתומט און פאַרשטילט און צוגעדעקט מיט שטויב.

אַ ליכט

עס שניידט די באַן אַדורך די פינצטערקייט אין נאַכט,
און בלאַס באַלייכט מיט פונקען — וואָס זי אָטעמט אויס —
די הייזער, שוואַרצע הייזער־סילועטן, ווען באַזאַכט
זי שלעפּט זיך שווער אַרויף אויף בערגלעך קליין און גרויס.
נאָר אָט בליצט דורך אַ הויז, אין פענסטער כ׳זע אַ ליכט,
דאָס ליכט עס זשיפּעט קוים און וועקט אויף אַ געדאַנק:
זי שלעפּט זיך שווער אַרויף אויף בערגלעך קליין און גרויס.
און אפשר העלפט מען דאָ אַ מענטשן וואָס איז קראַנק,
צי גאָר עס וויינט און גאַרט נאָך מאַמען אַ קליין קינד,
און אפשר מאַן און פרוי — אין ליבע אָדער זינד ?

שטימונג

עס האָבן זיך וואָלקנס פאַרצויגן,
באַשאָטנט די קאַלט פייכטע ערד;
די האַרבסט לעצטע אַסטרען געבויגן, —
דערוואַרטן דעם סוף וואָס באַשערט.

ס׳באַוועגט זיך דער טייך מיט אַ ציטער
אין כוואַליעס דער ווינט קעמט דאָס גראָז,
עס הענגט אין דער לופט אַ געוויטער —
אַ שליח אַ בייזער — צי וואָס?

מיין שטימונג ווערט אָבער געלייטערט,
און לייכטער די טריט וואָס איך גיי,
ווען כ׳פיל דאָס דער היינט ווערט דערווייטערט,
זיין שפור באַלד באַדעקט פרישער שניי.

ס׳וועט דאַן זיין אַרום אַזוי ליכטיק —
פון שניי, פון זיין זילבערנעם שיין.
די לופט וועט אויך ווערן דורכזיכטיק,
וואָס דורכזיכטיקער קען גאָרניט זיין.

מײַן הויף

אין הויף ווי אַ ברונעם — מײַן צימער,
מיט לעכער אין ווענט, רונד אַרום;
די לעכער — די פענסטער — זיי קוקן
ווי אויגן פאַרשטאַרטע און שטום.

איך פיל, הינטער יעטוועדן פענסטער,
עס שטעקט הינטער פאַרהאַנג אַ סוד
פון דעם, ווי געשוואַרצט האָט מען ס׳לעבן,
ווי ווינציק גענאָסן גאָטס גנאָד.

אָט זעט אין זײַן חדר דער אַלטער:
דער סוף פון זײַן טאָג צו אים קריכט;
אין האַרצן אַ שנאה באַהאַלט ער,
וואָס גיך אַזוי גייט אוים דאָס ליכט!

און דער פון דער דירה פון אויבן,
וואָס תמיד נאָך גליק האָט געשמאַכט;
געפירט האָט מלחמות אָן גלויבן,
און קיינמאָל געוואונען אַ שלאַכט.

דער שכן, וואָס וואוינט מיר אַנטקעגן, —
דער זינגער מיט גאָלדענעם קול,
מיט צער באַזינגט איצט אילוזיעס,
וואָס זים האָט געבויט ער אַמאָל.

די שיינקייט אין וואוינונג פון אונטן —
האָט זון אין איר לעבן געגלוסט;
מער כ׳זע ניט די גאָלדענע לעקלעך,
איך הער נאָר איר טרוקענעם הוסט.

איך ווענד אָפּ פונם הויף מיינע בליקן :
דאָס צוזען די לײדן פאַרשפּאָרט !
מער ציט מיך מיט לידער זיך קוויקן,
זיך שפּילן מיט טרייסט פון אַ וואָרט.

דער אַקראָבאַט

(סאָנעט)

ער פירט אַ שפּיל פון דרייסטקייט און געפאַר
אויף דער טראַפּעציע אונטער דעם קופאָל
פון צירק, וואו טראָם, און שטריק, און רינג פון שטאָל —
זיי העלפן אים צו זיין אין לופט דער האר.
אויף זיין געזיכט — פאַרגליווערט און פאַרשטאַרט —
דער שמייכל בלייבט אין קנייטשן אַלעמאָל,
און ס'באַלאַנסירט זיין גוף ווי אַ וואָגשאָל,
גלייכגילטיק, אָן שום פרייד און אָן שום צער.

עס פאָלגן מוסקולן זיין שטאַרקן ווילן,
אויך נערוו און גליד דערפילן זיין פאַרלאַנג;
עס זעען מענטשן אָטעמלאָז זיין שפּילן
מיט טויט, — אַ שפּיל מיט גראַציע פון אַ שלאַנג.

ער זעט ניט דעם המון. מיט בייפאַל זאַט,
מיט כבוד דינט זיין קונסט דער אַקראָבאַט !

אַ שטערנדל

(פון בייראָן)

האָסט אַ שטערנדל ווען
אין דער נאַכט געזען,
וואָס אין שפּיגל פון וואַסער שיינט העל ?
ווי ער צאַפּלט אין תהום,
ווי אַ שטויביקער שטראָם,
פון שטערן באַזילבערט, לויפט שנעל ?
דו בעסער ניט גלויב
צו כאַפּן דעם שטויב : —
באַטרוג ליגט אין שטראַל און אין וועל.
דיין שאָטן וועט פאַלן —
וועט ער מער ניט שטראַלן.
טרעטסט אָפּ און ער שיינט ווידער העל.
אין אומרו זיין גייסט
פון פרייד — צו זיך רייסט
פון נעפּל — אין שפּעטיקער שעה.
ווילסט אים כאַפּן ? גאָר שטיל,
אַנטלויפט ער מיט שפּיל.
ביסט אַנטוישט — איז ער ווידער שוין דאָ.

א בלימל

(פון פושקין)

טרוקן בלימל צווישן בלעטער, —
אין אַן אַלטן בוך צעדריקט,
וועקט אין מיין נשמה פראַגן
וועגן סוד וואָס אין אים ליגט.
זאָג, אויף וועלכן אָרט און ווען
האָסט געבליט און שיין געווען ?
האָט זיך פרעמדע האַנט באַמיט —
דיך אין בוך געלייגט, צו וואָס ?
זיך פון אַ ליבע צו דערמאָנען,
וועגן בענקשאַפט אָן אַ מאָס ?
אָדער איינזאַמע שפּאַצירן,
וועלכע פלעגן וויים פאַרפירן ?
לעבט ער נאָך, איז זי געשטאָרבן,
הערשט ביי זיי די ליבע פרום ?
זיינען זיי שוין לאַנג פאַרדאָרבן
ווי די אומבאַקאַנטע בלום ?

ט ר ע ר ן

(פון טיוטשעוו)

טרערן פון מענטשן, אָ, מענטשלעכע טרערן,
איר גיסט זיך פון פרי ביז צום סוף פונם לעבן.
איר גיסט זיך אומערקבאַר, אומציילבאַר ווי שטערן,
אומענדלעכע טרערן פון ליידן און שטערבן.

איר גיסט זיך — ווי ס'גיסן זיך שטראָמען פון רעגן —
אין אָסיען ביינאַכט, ווען ער וויל ניט אויפהערן.
אומציילבאַר, אומענדלעך, ווי טייכן אָן ברעגן,
טרערן פון מענטשן, אָ, מענטשלעכע טרערן.

צווייטער טייל

ליכט אין אונדז

ליכט אין אונדז

דו דאַרפסט גאָר אַ מענטשן דיין אינערן וועזן
ניט ווייזן ניט מער ווי דו דענקסט אַז דו דאַרפסט;
וואָס ביסט און פאַרמאָגסט — אַליין זאָל ער לעזן,
דאָס זעלבע אויך טו, ווען דיין בליק אויף אים שאַרפסט.

נאָר איין זאַך וואָס דו און דער מענטש דאַרפן מאַכן —
אַ קוואַל אין זיך שאַפן פון אייביקן ליכט;
דאָס ליכט וועט דורכדרינגען, געפילן דערוואַכן,
מיט פריינטשאַפט באַשטראַלן ביי אייך דאָס געזיכט.

דער ליכט-שטראָם פון מענטשן רופט נאָענטקייט אַרויס:
זאָל איינער דעם צווייטן ניט גריבלען אין האַרץ,
איר זאָלט אויך פאַראייניקט מאַרשירן פאָרויס,
ווען ס׳לעבן ווערט פּלוצלונג סכנה׳דיק, שוואַרץ.

שכנים

אויב נשמה איז גוף, און גוף איז נשמה,
ווי דער דיכטער וואָלט וויטמאַן *) געזאָגט האָט אַמאָל, —
פאַרוואָס אַזוי אָפט די נשמה נקמה
נעמט גראַדע פון גוף מיט עינוים אָן צאָל ?

דעם מענטשנס נשמה וויל דאגות פאַרמיידן,
מאָראַלישן ווייטיק — צו שטויסן אַראָפּ !
פאַרבייט אירע זאָרגן אין קערפּערשע ליידן,
באַשטראָפט דעם גוף'ס גלידער פון פוס ביזן קאָפּ.

די נשמה איז שטאַרקער — אין גוף נאָר אַ שכן
פאַרבלייבט זי, דאָך קיינמאָל צוזאַמען צו שטימען.
אָפט בלייבט זי נאָך יונג, ווען דער גוף איז געבראָכן,
און זינגט נאָך אַפילו דעם לעבן אַ הימן.

*) וואלט וויטמאַן — אַ באַרימטער אַמעריקאַנער דיכטער פון 19־טן י״ה.

גלויב...

ניט גריבל, ניט זוך
ביי אַ מענטשן אין האַרץ;
דאָס איז ניט קיין בוך
מיט פינטעלעך שוואַרץ.

דאָס האַרץ אין זיין נעסט
קלאַפּט שטאַרק פון פאַרדרוס,
ווען דו שאַצסט און דו מעסט
זיין גוטסקייט און זכות.

ניט זוך צו פאַרשטיין,
ניט טאַדל, ניט לויב,
אין פריינטשאַפט אַליין,
אין מענטש — פשוט גלויב!

באַגער

אַלץ וואָס אַ מענטשנס האַרץ קען טאָן —
איז קלאַפּן, קלאַפּן, קלאַפּן.
פאַרנעמט געפיל דעם אויבענאָן —
דאָס האַרץ עס ברויזט, עס זוכט, עס וויל, —
און ביז עס זעט זיך שוין דער ציל,
קענסטו דעם אָטעם, יאָגנדיק, ניט כאַפּן.

ס'פאַרגייט די צייט, דאָס האַרץ פאַרקלעמט,
אַלץ שטילער, שטילער טוט נאָך קלאַפּן.
ווי אַ רפואה ס'וואַרט, פאַרשעמט,
אויף פריינדס אַ וואָרט, אַ לאַך, אַ גלעט, —
וואָס היילן זאָל ביז ס'ווערט שוין שפּעט,
ווען קענסט דעם פּולס שוין קוים דערטאַפּן.

ווען ס׳ברויזט אַמאָל . . .

ווען ס׳ברויזט אַמאָל דיין האַרץ מיט פרייד,
וואָס, ווי אַ כוס, שוימט איבער ראַנד,
רוף צו אַ פריינט און זיי געגרייט
מיט אים צו טיילן זיך באַנאַנד.

די פולע פרייד, אין ניוועץ פליסט,
צופיל פאַר דיר, גענוג פאַר אים
צו ווערן, ווען ער עס געניסט,
אַ נייער מענטש — אַ פריינט אינטים.

גאַנץ אַנדערש ווען אַ צרה טרעפט,
און ס׳ווערט אַרום דיר חושך־שוואַרץ;
צופיל פאַר דיר: מיט שמאַרץ באַהעפט,
זוכסטו אַ פריינט, ווייל ס׳שרעקט דיין האַרץ.

זיי דאַמאָלסט העלד, טראָג צער אַליין,
צי ניט דיין פריינט אין קלעם אַריין;
אויב איינזאַם בלייבט דיין האַרץ ווי שטיין,
פאַרוואָס געשטראָפט דיין פריינט זאָל זיין?

ט ו י ט

און ווען דער אָוונט פון מיין לעבן
גייט אויף אָנשטאָט דעם העלן מאָרגן,
הויבט אָן אין לופט פאַר מיר צו שוועבן
אַ שטימונג איינגעהילט אין זאָרגן.
איך פיל : מיין זון, וואָס ווערט פאַרשוואונדן,
האָט מיר אַ לעצטן גרוס געבראַכט;
איך זע די בין השמשות-שטונדן
זיך ראַנגלען מיט דער אייביק-נאַכט.
און ווי אַן אויסגעברענטער שייטער
מיט פייער פלוצלונג פלאַקערט אויף, —
אַזוי לעבט אויף, אויפסניי געלייטערט,
מיין שווער געמיט אין קראַנקן גוף.
אַ טרייסט אין זיך דערהער, דערשפיר איך,
דעם סוד פון לעצטער, לעצטער שעה :
כל זמן איך לעב, איז עקזיסטיר איך,
ווען טויט קומט אָן — בין איך ניטאָ.

די גבורה

פון וואַנען נעמט זיך די גבורה —
ביי אַ סאַמעט־גרעזל צאַרטן
אין אַ גרויסשטאָט אויפצובליען
אין דעם שפּאַלט פון אַספאַלט האַרטן ?

פון וואַנען נעמט זיך די גבורה —
ווען אַ בלום אַ שלאַנקע, שיינע,
רייסט זיך דורך מיט פאַרבן בונטע
אויף אַ בערגל צווישן שטיינער ?

פון וואַנען נעמט זיך די גבורה —
ביי די ביימער — גרינע דעכער —
איינם דעם צווייטן איבעריאָגן
צו די רוימען, העכער, העכער ?

גבורה שטאַמט פון שטאַרקן ווילן,
אָטעמען פריי און אייביק שטרעבן,
צו דער זון, צו ליכט, צום הימל,
פריי אין פרייער וועלט צו לעבן.

אומרעכט

פון אייביקע יאָרן איז אומרעכט געווען —
און איז אויך געבליבן ביז היינטיקער צייט. —
און ס'האָט קעגן דעם אַלץ דאָס מענטשלעכע וועזן
געהויבן רעוואָלט און געצונדן אַ שטרייט.

דאָס פלעגט אָבער קיינמאָל דעם מענטשן ניט שטערן
אַליין צו באַגיין וואָס ער האַלט גאָר פאַר שלעכט . . .
נאָר מורא פון אומרעכט זעלבסט קרבן צו ווערן
טרייבט מענטשן שוין ווידער צו יושר און רעכט.

דער שמייכל

אין דעם פּנים טיף פאַרבאָרגן
צווישן קנייטשן גאָר אַ סך,
וואו עס ליגן מענטשנ׳ס זאָרגן, —
לעבט אויך שמייכל, לעבט דער לאַך.

ווען אַרויס פון זיין פאַרבאָרגן
קומט דער שמייכל ליב און שטיל,
בייט זיך נאַכט צו העלן מאָרגן
אין דעם מענשטלעכן געפיל.

הויבט אָן שמייכל אָפּצושפּיגלען
שענסטן שטריך וואָס מענטש פאַרמאָגט;
בליצט פון אויגן, ווי אויף פליגלען,
נאָנטער בליק וואָס פריינטשאַפט טראָגט.

קריגט דער שמייכל מיטגעפילן —
וועקט זיך ליבע, שאַפט זיך גליק . . .
אויב ער קריגט אָן ענטפער קילן,
פאַלט אין קנייטשן ער צוריק . . .

אַ דראָט-קאָנצערט

צי האָסט, מיין פריינט, זיך צוגעהערט
אין קאַלטער, שטילער נאַכט
צום מאָנאָטאָנישן קאָנצערט
פון טעלעגראַפן דראָט געמאַכט ?

ס׳פלעגן פריער פליען ווערטער —
דינאַמיטישע געפילן —
פון געליבטן צו באַשערטער
אויפן דראָט מיט זשומען שטילן.

כ׳הער, עס יאָמערט איצט דאָס זשומען :
נייעס שלעכטע, טעלעגראַמען —
ערשט פון שלאַכטפעלד אָנגעקומען,
פון אַ זון צו טאַטע - מאַמען.

טאָג און נאַכט גייט אָן דאָס זשומען :
פונקטן, שטריכן, מאָרזן-בענדער —
מיינט עס : בערגלעך ערד אָן בלומען,
פאַר די זין אין ווייטע לענדער.

ווען זשע ווערט דער דראָט אַנטשוויגן,
און אַ סוף צום טויט-קאָנצערט ?
ווען וועט טויט זיך מער ניט וויגן
איבער גאָר דער גאַנצער ערד ?

אַ נ ט ו י ש ו נ ג

איידער ס׳ווערט אין מיר אַ ליד געבאָרן,
איז מיין דמיון קינדעריש נאַיוו;
דוכט מיר — מענטשן זיינען אָן חסרון,
ווערט עס פאַר מיין ליד דער לייטמאָטיוו.

זע איך פאַרבן ראָזע, צאַרטע ליכטער,
כ׳הער מוזיק און שטילע תפילה רונד־אַרום;
זע איך אַלץ, וואָס זעען קען אַ דיכטער,
דוכט מיר, אַז נאָר ליבשאַפט הערשט שוין אומעטום.

אָבער ווען מיין ליד ווערט אויפגעשריבן —
פליט דאָס גלויבן פון מיין האַרץ אַרויס;
צאַרטקייט איז אין ליד שוין ניט געבליבן,
מענטשן קוקן מיר שוין אַנדערש אויס.

כ׳בלייב אַנטוישט — ווייל כ׳האָב געוואָלט
מיין האַנט זאָל שרייבן וואָס נשמה גאַרט :
אַלץ וואָס האָט מיין דמיון מיר געמאָלט
זען אין לעבן, אויב לעבן איז באַשערט.

צו מיין האַרץ

פירט מיין האַרץ אַ שמועס שטיל,
רעדט מיין האַרץ מיט מיר אינטים;
כ׳פיל, באַטריבט איז דאָס געפיל
פון מיין אינערלעכער שטים.

„טריי געדינט אַ לעבן לאַנג
האָב איך דיר גאָר אָן אַ פלעק;
ריטמיש, תמיד, ווי געזאַנג,
האָב געברויזט — ביי פרייד, צי שרעק.

דיר געהאָלפן צו צעשענקען
ליבע, צערטלעכקייט צו מענטשן —
קיינער וועט עס ניט געדענקען,
קיינער וועט דערפאַר דיך בענטשן.

האָסט געברענט מיט וועלט־פּראָבלעמען
און געשטורעמט דיינע יאָרן;
כ׳האָב געברויזט ביז צו פאַרקלעמען,
איצט בין איך שוין מיד געוואָרן״.

„כ׳דאַנק דיר, האַרץ, מיין חבר טרייער,
כ׳ווייס דער וועג איז שוין ניט ווייט, —
האַלט נאָך אויף דעם לעבנס פייער,
קלאַפּ כאָטש שטיל... גאָט האָט נאָך צייט.

ווען מיין גוף וועט ערד פאַרשלינגען,
און אַ פריינט פאַרביי וועט גיין:
— „איידל האַרץ געהאַט״ — וועט קלינגען,
לויב פאַר דיר, פאַר דיר אַליין״.

פרײַנטשאַפֿט

אַ וואַזע פֿון פּאָרפֿאָר איז פֿרײַנטשאַפֿט,
אַן אײדעלע זאַך — אַן אַנטיק;
ווען אײנמאָל באַשעדיקט, איז שווער שוין,
פֿאַריכטן דעם שאָדן צוריק.

אַ באַצויבערטער שפּיגל איז פֿרײַנטשאַפֿט —
דײַן פֿרײַנט, זײַן נשמה, דו זעסט;
פֿאַרגעס ניט — ער קוקט אויך דורך דײַנער,
טאָ נויג צו דײַן פֿרײַנטשאַפֿט זיך פֿעסט.

בייז און גוט

ביי אַ מענטשן בייז און גוט
שטאַמעןביידע פון איין קוואַל;
און פון אים אויף איין מאַרשרוט
לויפן זיי, ווי ס'לויפט אַ שקוואַל,
אויפן לעבנסוועג געראמען —
ביז זיי שטויסן זיך צוזאַמען.

דאַן הויבט אָן צו מאַנעווירן
אונדזער צווילינג — בייז און גוט,
ווער פון זיי זאָל דאָמינירן
אין דעם מענטשן, אין זיין בלוט:
ווער מיט זייניקע מיקראָבן
זאָל אויף מענטשן שליטה האָבן.

שטרייטן זיי אַ לעבן לאַנגן,
דאָ זיגט איינער, דאָ דער צווייטער;
הילכט אַמאָל דאָס „גוט" מיט קלאַנגען,
אָפּטער נאָך — זיין „בייז" באַגלייטער.
קענען ביידע זיך ניט שיידן:
וואו מלאכים — דאָרטן שדים.

אַ מענטשן פאַרשטיין

האָפנונגען קענען באַלעבן,
אין האַרצן אַ שווערן ווי שטיין;
ווידער צו שאַפן און שטרעבן —
דאָס הייסט : אַ מענטשן פאַרשטיין.

טיפע געפילן אַנטדעקן,
זען — אַ נשמה איז ריין;
שיינקייט געפינען, זי וועקן —
דאָס הייסט : אַ מענטשן פאַרשטיין.

שפירן אַ מענטש איז דערשלאָגן,
נים לאָזן אים איינזאַם אליין !
פריינטשאַפט אַנטקעגן צו טראָגן —
דאָס הייסט : אַ מענטשן פאַרשטיין !

צו אַ פריינט

איך האָב אַ גאַנצן לעבן-לאַנג
צו מענטשן זיך ניט צוגעפּאַסט;
און אין דער וועלט פון שטורם-דראַנג
געפילט זיך פרעמד, כמעט אַ גאַסט.

אַזוי געווען איז מיין גאַנג —
אין לעבן קיינעם זיין צו לאַסט,
פאַר קיינעם זינגען לויב געזאַנג,
ווי אין דער וועלט פּאַסט פאַר אַ גאַסט.

געבויגן קיינמאָל, גאָט צו דאַנק,
פאַר זאַכן וואָס איך האָב געהאַסט;
געווים ניט איצט, ווען אַלט און קראַנק,
איך בין שוין טאַקע נאָר אַ גאַסט.

אַ שפּאַס

אַמאָל קומט אויס איך גיי אין גאַס
און טרעף אַ פריינט אַן אַלטן;
איך פיל, עס ווילט זיך זאָגן שפּאַס
אָנשטאָט אַ גרוס אַ קאַלטן.

פאַר מיר אַ שפּאַס — דער גרעסטער שטיף —
איז גאָר דעם אמת זאָגן;
עס ליגט אין דעם אַ שכל טיף:
שווער — אמת צו פאַרטראָגן.

איך זאָג מיין פריינט וואָס כ׳טראַכט און מיין.
גראָד פון אמת פאַלש באַרוישט —
ער קען, זאָגט ער, אַ וויץ פאַרשטיין . . .
כ׳וויל ער זאָל ניט זיין אַנטוישט.

חכמה

חכמה, זאָגט מען, קומט מיט עלטער,
ווייסע האָר איז איר סימבאָל;
יאָרן מאַכן מענטש געשטעלטער,
שטילט זיך לייכטזין פון אַמאָל.

וועלט געשאַפן איז אָן שכל, —
ווער דאַרף קלוגשאַפט — ווען שוין אַלט !
וואָלט זי בעסער, מיט אַ שמייכל,
שפּיגלען אין אַ קינדס געשטאַלט . . .

ס׳וואָלטן יוגנט-אידעאַלן
גיין מיט חכמה פוס אין פוס,
זין און טרוים — צוזאַמען שטראַלן,
מאַכן ס׳לעבן אַ גענוס.

קלוגשאַפט וואָלט אין יונגע יאָרן —
מיט באַגייסטערונג געפּאָרט, —
וועלט אַ בעסערע געבאָרן,
גאָר דיליידן אונדז פאַרשפּאָרט.

באַלד איז שוין...

באַלד איז שוין דאָס לעבן פאַרלאָפן,
אָט זעט זיך שוין ברעג פון מיין שליאַך;
פון אַלע גאָט'ס גנאָדן און שטראָפן
דעם חשבון הנפש איך מאַך.

דער וועלט האָב איך פריידיק געגעבן:
מיין חלום, אַ קינד און מיין ליד;
מיט מיר אויף די וועגן פון לעבן
זיי האָבן געשפּרייזט זאַלבערדריט.

נאָר איצט איבער די אָקעאַנען,
פאַרוואָגלט געוואָרן מיין קינד;
אין ליד מיינעם — פרייד ניט פאַראַנען,
אַן אומעט-ליד ווער דאַרף אַצינד?

טאָ וואָס איז מיר איצטער געבליבן?
פון יוגנט דער חלום אַליין;
מיט מיר, דורכן לעבן דעם ליבן,
מיין חבר, דער חלום וועט גיין.

אַ טרער

דו פרעגסט מיך וואָס איז אין אַ מענטשלעכער טרער
וואָס פינקלט מיט פאַרבן פון ריינעם בריליאַנט?—
די דופט פון אַ רויז, פון האַרץ אַ באַגער ;
דאָס ליכט פון אַ בליץ מיט זונשטראַל געשפאַנט .
עס איז דאָס געמיש — עפעמעריש,ניט אַלץ :
פאַראַן נאָך אין טרער אויך אַ קערנדל זאַלץ . . .

דו פרעגסט מיך ,מיין קינד , וואָס געשעט אין דער טרער
מיטן טראָפּן פון זאַלץ , וואָס דאָס לעבן פאַרשטערט ?
דער שמייכל ביים מענטש איז דאָס איינציק געווער —
פאַרטרייבן דעם ווי וואָס געוועז איז באַשערט.
דער שמייכל שמעלצט זאַלץ,פאַריאָגט דאָס געוויין.
און ס׳בלישטשען אויף אויגן מיט גליק אַזוי שיין.

איך בין אַזוי מיד . . .

איך בין אַזוי מיד שוין געוואָרן
נדבות אַלץ בעטלען פון לעבן;
כ׳וויל דאַנקען מיין גורל פאַרשפאָרן
פאַר גנאָד וואָס ער האָט מיר געגעבן.

איך וויל ניט קיין בעטלער זיין אייביק,
זיך ווייזן פאַר לייט און פאַר גאָט —
פאַרוואונדעט אין קאַמפן, און שטויביק,
ווי אַמאָל פון לאַמאַנטש, — דאָן קיכאָט.

דריטער טייל

יידישע פערל

ליטע

(פראַגמענטן)

איך שטאַם פון אַ שטאָט אין דער ליטע —
אַ היים פון דער יידישער פּראַצע,
וואו יידיש געהאַט האָט די שליטה,
און יידישע טעכטער — פיל גראַציע.

איך שטאַם ניט פון די „ריסטאָקראַטן",
וואָס אַרט מיר ווי ס'הייסט דאָרט מיין קלאַס !
געווען איז דער שטאָלץ ביי מיין טאַטן
זיין לעדער געבונדענער ש"ס.

מיר האָבן אין אַלערליי ראַנגען —
געשלונגען אי מאַרקס, אי תנ"ך;
מיט עקספּאַרט קיין לייפּציג געגאַנגען,
גערעדט כלומרשט דייטשישע שפּראַך.

מיט פרייע געדאַנקען געבוירן
קעגן אַרבעט אין לאַנג-לאַנגע נעכט;
געשטרייקט נאָך אין ניינציקער יאָרן
פאַר יושר, פאַר פרייהייט, פאַר רעכט.

און שבת צו נאַכט נאָך הבדלה
געוואָרט האָב איך זינגען צו הערן,
פון וואַרשטאַט, אין געסעלעך שמאָלע, —
— „מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן!"

כאַטש קינדער פון די פאַבריקאַנטן,
מיר האָבן סיי גרויס און סיי קליין,
געדינט מיט אַ גייסט אַ געשפּאַנטן
דעם „בונד" און דעם בערשטער פאַריין.

געשיקט האָט אויך שטאָט דעלעגאַטן
צו יעטווועדן ציון־קאָנגרעס;
געהיים פלעגט די יוגנט אָפּשטאַטן
אסיפות פון „בונד" און עס־עס *)

ס'האָט איינער באַגעגנט דעם צווייטן —
אַן חילוק פון קלאַסן און שטופן;
אַ, יאַנקעלי! — מיט אַ שמייכל אַ ברייטן,
מיט נאָמען דעם ערשטן זיך רופן.

און ווען ס'האָט אַ צרה ביי וועמען —
אַ סיבה אַ בייזע געטראָפן,
ביי יעדן דאָס האַרץ פלעגט פאַרקלעמען
און שטאָט איז צו טרייסטן געלאָפן!

מוזיק איז אין שטאָט ניט געווען —
חוץ קלעזמער מיט פידל און שמיק;
אַ ביאַליק, אַ פּושקין צו לעזן —
איז לייענען געווען די מוזיק.

*) עס־עס : ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

יאָ, יאָ, אויך אַ חסידישן ניגון
פלעגט האַרציק פאַרציען דער טאַטע;
פלעגט שאַפן פיל מער פאַרגעניגן,
ווי היינט אַ בעטהאָווען סאָנאַטע.

דער אָרעמער שטאַנד אומצופרידן
געווען איז, געהאַלטן פאַר מיאוס,
וואָס תמיד די גבירישע יידן,
זיי נאַשן די פעטסטע עליות.

דערפאַר ביי אַ חזן צו קלייבן —
מבינים אין טוצנס געציילט;
פלעגט חזן דעריעניקער בלייבן,
ווען ס׳האָט דער המון אויסגעוויילט.

אַזוי איז זיך פאַרביק געלאָפן
דאָס לעבן אין שטעטל פון ליטע;
ביז ס׳האָט זיך דער אומגליק געטראָפן —
די בלוטיקע, טייוולשע שחיטה.

מיין טייערע היימאַט פאַרשוואונדן,
ניטאָ ווער ס׳זאָל וויינען און קלאָגן;
געבליבן נאָר איך מיט די וואונדן —
אַ יתום אַ קדיש צו זאָגן.

צוויי ליכט

וואָס איז געווען מיר ליבער ווי דאָס זוניקע ליכט,
ווי דער שיין פון רעגנבויגן מיט פאַרבן געדיכט ?
וואָס האָט געקוויקט מיין האַרץ מער ווי דער כּישוף און פּראַכט
פון דעם זילבערנעם ליכט, וואָס עס גיסט אויס ביינאַכט
דער אומעטיקער מולד צו דער ערד צו אַראָפּ
דורך שמאַטעס פון וואָלקנס וואָס יאָגן גאַלאָפּ ?
וואָס האָט געפרייט מיין אויג מער, ווי דער גלאַנץ פון שיין
פון די ליכטיקע שטערן, וואָס אין נאַכט שפּעט אַריין,
קאָקעטיש, מיט שפּיל, ווינקען העל צווישן זיך,
זאָל אַ וואַנדערער מידער דעם וועג דורכגיין גיך ?

דאָס זענען געווען, אָ, געווען, צוויי סטערינאָווע ליכט
מיט דעם וואַרעמען שיין, ווען פון מידן געזיכט
ערב־שבת מיין מאַמע, איר קאָפּ פרום געבויגן,
פלעגט אַראָפּנעמען הענט פון די צערטלעכע אויגן,
און מיט ליפּן באַוועגטע פאַרענדיקן שטיל
דאָס בענטשן פון ליכט מיט אַ הייליק געפיל.

דאַן האָבן צוויי שוואַכע און ציטריקע פלאַמען
באַלויכטן מיט כּבוד דאָס פּנים — מיין מאַמען;
איר בליק האָט דאַן גלויביק און וואַרעם געבליצט :
עס קומט מלכּה־שבת, דאָס הויז איז באַשיצט.

אַ מאַגישע קראַפט איז געווען אין די ליכט, אין די פלאַמען.
אפשר שטאַרקער נאָך מער, ווי גאָטס ליכטער צואַמען, —
ווייל מיט וואַרעמקייט, ליכט, עונג רוח און פרייד,
די נשמה יתירה האָט אין שטוב זיך פאַרשפּרייט.

צו מיין מאַמען

איר ליכטיקן אָנדענק

איך גיי אין מיין טרוים דורך די שמאָלינקע גאַסן,
וואָס פירן צום מאַרק, צום אַמאָליקן הויז.
איינזאַם, אַליין מיטן שאָטן דעם בלאַסן
גיי איך פאַרביי די פאַרחרובטע קלויז.

איך קום צו אַ שטוב — אַלטע ציגל און שטיינער —
געווען דאָ אַמאָל אונדזער קינדערשע נעסט.
אַ מדבר אַ וויסטער, געבליבן איז קיינער —
געבליבן זכרונות וואָס האַלטן מיך פעסט...

וואו זיינען געבליבן די ספרים פון טאַטן,
געבונדן מיט ליבע אין לעדער און טוך,
די פושקע פון אתרוג מיט זילבערנע פלאַטן,
דער טור פאַר הבדלה מיט בשמים גערוך ?

איך זוך דאָ מיין שוועסטער, מיין הייליקע מאַמען —
איך זוך אייך אומזיסט — צו דעם אומקום אַוועק !
איך וויים — מיט מיליאָנען זייט איר אויך צוזאַמען,
געפייניקט אַוועק אויפן בלוטיקן וועג.

וואו זיינען... וואו איז דאָ — כ׳האָב מורא צו פרעגן —
דער מקום מנוחה פון ביידן אַצינד ?
איך גיי שוין דעם סוף פון מיין לעבן אַנטקעגן, —
נאָר כ׳בענק אַלץ נאָך מאַמען, ווי אַ יתום אַ קינד.

יידישע פערל

געווען אין משפחה ביי אונדז אַזאַ פירונג:
איין דור האָט דעם צווייטן צעטיילט גאָר די צירונג
וואָס געפינקלט מיט שטאָלץ, עונג רוח און פּראַכט —
ביי שמחות, יום־טובים, און פרייטיק־צו־נאַכט.

פלעגט ווער בירושה די זילבערוואַרג קריגן:
די לייכטער, די פּושקע פאַר אתרוג צו ליגן;
די לעפל, די גאָפּל און נאָך גוטע זאַכן —
דעם זילבערנעם בעכער — הבדלה צו מאַכן.

אַ טאָכטער אַ יונגע — צי חנה צי לאה —
איר ציט צו דער גאָלדענער בראָש מיט קמיע;
אַן אַנדערער ציט צום אַנטיקן לאָרנעט,
אַ דריטער — צום גאָלדענעם פּוסטן בראַסלעט.

די געצויגענע פערל — די שנירעלעך צוויי,
די עלטערע שנור דאַרף נאָר ירשענען זיי!
און כאָטש יידיש פערל־בּאַראָק זיינען קליין,
די עלטסטע — זי טראָגט זיי מיט גראַציע און חן.

מען זאָגט ביי אונדז: פערל, כאָטש דאַרע און שוואַך,
זיי אָטעמען, שיינען מיט לעבן אַ סך —
אַבי נאָר עס טראָגט זיי אַ יידישע פרוי,
אויף אַ וואַרעמען האַלדז, און באַשיידן אַזוי!

ס'האָט מיר געהערט, נאָר כ'האָב קיינמאָל געקראָגן
די פערל מיין מאַמע אַמאָל האָט געטראָגן;
ס'האָט דער שטן די גזלה אַ פרעמדער פאַרטרויט,
און איך? — איך דאַרף זיי ניט מער — זיי זיינען דאָך טויט.

איך בענק...

איך וועל שוין קיינמאָל מער ניט לאַכן,
ניטאָ קיין פרייד מער ווי אַמאָל.
נאַכט-איין, נאַכט-אויס פאַרבלייב איך וואַכן —
איך בענק נאָך דיר, נאָך דיין ליב קול.
און ווען די נאַכט מיט שוואַרצע פליגלען
פאַרדעקט די ערד, און חשך פאַלט,
דערזע איך, ווי אין ריינע שפּיגלען,
די אויגן דיינע, דיין געשטאַלט.
שטיל, ווי דאַרע הענט, אין פענצטער
עס קלאַפּן צווייגן, בלעטער נאַסע.
דאָס שאָקלט זיי דער ווינט דער קלענסטער
ביז ס׳קומט געהיים דער מאָרגן בלאַסער.
עס וויינט דער ווינט, עס וויינען צווייגן,
און אפשר דיינע אויגן גאָר . . .
ווייל נאָר ביינאַכט אין שטילן שווייגן
קען איך דיך זען, ווי אויף דער וואָר.

בין השמשות

ווען עס פלעגן שאָטנס ליגן
אויף די ווענט אין קליינעם חדר;
ווען אַ יאָרצייט-ליכט פלעגט וויגן,
פינטלען געלן שיין כסדר
איבער קעפּלעך טיף פאַרזונקען
אין אַ פּסוק שווער צו טייטשן;
ווען דורך פענצטער פלעגן פינקלען
בינטלעך שטראַלן — לאַנגע בייטשן —
פון דער זון וואָס וויל ניט שטאַרבן;
ווען, פון שקיעה, אירע פאַרבן
לעשן זיך אין גרויען דרויסן;
ווען די לופט פול מיט מיסטעריע
האָט געשפּרייט אַ שטימונג שווערע: —
בין השמשות פלעגט עס הייסן.

מיין היים

ניט קיין גראָז און ניט קיין בוים,
זומער — קען מען זיך דערשטיקן.
ווינטער — לעבט מען אין אַ טרוים,
פראָסט און שניי — און אַלע גליקן . . .

קומט דער פרילינג — פולע רינעס,
קומט אָן זומער — פליגן, מיקן.
קומט דער אלול — זאָגט מען קינות,
פאַסט מען טעג — און אַלע גליקן...

שווער און נידריק הענגען וואָלקנס,
קוועלט דאָס וואַסער אונטער בריקן;
פליען פויגל גאַנצע פולקן
איבער ים — צו זוכן גליקן...

זען דאָס שטעטל איז מיין שטרעבן, —
שטילן בענקשאַפט — מיין באַגער !
אָבער,ליידער, אין מיין לעבן —
כ׳וועל מיין היים ניט זען שוין מער.

עמק הבכא

איך זוך מיינע נאָנטע געזיכטער
אין עמק הבכא אַרום,
וואו ס'ווערן די שאָטנס געדיכטער
פון קדושים אין אייביקן תהום.

איך זוך אינם טאָל פון געוויינען
אַ בערגל מיט גרינינקן גראָז,
עס דוכט מיר איך הויב אָן צו מיינען —
אַט הערט זיך פון שופר אַ בלאָז.

דאָס לאָזט מיך אַ שאָטן צו וויסן,
וואו ס'ליגט לאַנג דאָס היילִיק געביין. —
כ'זאָג קדיש אָן טרערן צו גיסן,
מיין האַרץ ווערט פאַרגליווערט ווי שטיין.

עס שאָקלען זיך צווייגן געבויגן,
עס טרויערט דער יאָמער בוים-ווייד;
עס וויינען די צווייגן ווי אויגן
אויף בערגלעך פון מענטשלעכן לייד.

איך וואַנדער, אַ יתום — אַ דיכטער,
פאַרשטומט און פאַרקלעמט אינם טאָל;
איך זוך מיינע נאָנטע געזיכטער
פון אַ וועלט וואָס געווען איז אַמאָל.

נ ע כ ט ן

מ'שטיינס געזאָגט, וואָס קען איך שוין דערוואַרטן
פון דעם — וואָס קומען דאַרף, און איז פאַר מיר פאַרבאָרגן;
איך בין שוין דורך אַ לאַנגן לעבן האַרטן,
און זע שוין מער קיין פרייד אין קלעמענדיקן מאָרגן.

וואָס ליב און זיס — איז אַלץ געווען נעכטן —
אַ ווייט, ווייט — טרוימלאַנד! איצט, ווי אין אַ קראַנץ די בלומען,
עס הויבן אָן פון ס'ניי זכרונות זיך פאַרפלעכטן
פון יאָרן יונגע מיט ניט-דאַיקע פאַרפומען.

און כאָטש פאַרוואָרפן האָט דאָס לעבן איבער ימ'ען,
אַלץ בלייב איך נאָך פאַרליבט אין אונדזער שטאָט פון בערשטער;
דאָס מיידל אויך, וואָס האָט אַמאָל מיט פלאַמען,
דאָך צאַרט געשענקט אַ קוש, וואָס איז געווען דער ערשטער!

שטייט אויף אַ דמיון העל און האָט אויף מיר די שליטה:
איך זע די קלויז ביים גאָרטן פון מיין זיידן,
דעם שמש ברוך נתן מיט זיין שטאַמלדיקן ריידן,
דעם אָרעמען פעיזאַזש — מיין שטילע היים אין ליטע.

געזיכטער ליכטיקע פון קרובים און פון פריינט,
מיט שמייכל און מיט חן און אָן אַ וואָרט אַ שלעכטן,
דאָס אַלץ איז איצט מיראַזש, אַן אומעט איז דער היינט,
דאָס לעבן איז איצט קליין, נאָר גרויס געווען דער נעכטן.

אַלץ דוכט מיר...

אַלץ דוכט מיר עס ווערט וואָס געשען,
ליגט שווערקייט אויף מיר ווי אַ פּרעס.
אין רו מיין נשמה צו זען —
איך גאַר, ווי מען גאַרט נאָך אַ נס.

אַן אומרו באַהערשט די געדאַנקען,
און לאָזט זיי נישט איינזאַם קיינמאָל;
זי הילכט דורכן גוף מיינעם קראַנקן,
ווי אַ עכאָ פון באַרג דורכן טאָל.

די זאָרג וועגן נאָנטע, באַקאַנטע,
זיך שרעקן : צי לעבן נאָך זיי ?
אַ נייער מין גהינום פון דאַנטע
ווערט איצט מיר דער וועג וואָס איך גיי.

אַ זיידע

אויף די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק,
איבער אָפּגרונד טונקל, טיפן,
פירט מיך צו די אַלטע קאַנטן —
שענסטע קעניגין פון שיפן.

ווען געקומען כ׳בין בשלום —
כ׳זע מיין קינד און קינדס-קינד — ביידע,
און מיר דוכט זיך, ווי אין חלום,
כ׳הער מען רופט מיך : „זיידע, זיידע״.

עפּעס האָט דאָס שיינע ריידן
מיר געשיינט צו זיין אַ חידוש :
ס׳וואָרט געקלונגען האָט ווי זיידע,
אָבער גאָרנישט ווי אין יידיש.

האָט מיין אייניקל געבעטן :
„לייען עפּעס״, טראַכט איך ווידער :
אַלץ וואָס איך קען טאָן איז גלעטן,
זי פאַרשטייט ניט מיינע לידער.

אַ געזונט איר אין די גלידער,
כ׳זאָל איר לייענען פאַרן שלאָפן!
ניט קיין אומעטיקע לידער,
נאָר אַ מעשה וואָס געטראָפן.

כאָטש שוין פריינט געוואָרן ביידע,
איז אין נאָנטקייט פרעמדס פאַראַנען. —
אוי, ווי גוט צו זיין אַ זיידע,
אוי, ווען ס׳קינד וואָלט מיך פאַרשטאַנען!...

מײַן אײניקל

(עקספּראָמט)

זי איז געוואָרן זעקס יאָר אַלט,
און איך, דער זײדע, צען מאָל מער;
איצט טרעפט, איך בעט, װער פֿון אונדז צװײ
דערפֿילט דעם אַנדערנס באַגער.

זי האָט אין זיך אַ מאַגיש קראַפֿט
צו קריגן נאָך, װען כ׳זאָג גענוג;
װי אַ קאָמאַנדיר האָט זי שוין לאַנג
דיסציפּלינירט מיך שטרענג און קלוג.

אין אַרגומענטן איז זי שטאַרק,
װען אַ דעבאַטע קומט פֿאַרנאַכט :
פֿאַרװאָס נישט גײן אין בעט אום זעקס,
נאָר, װי זי װיל, צו גײן אום אַכט ?

און װען מען כאַפּט איר בײַ אַ שטיף, —
מיט איר צינגל שאַרף־געשװוינט,
זי קען פֿאַרדרײען אײַך דעם קאָפּ, —
איך בלײַב שוין שטום און זי געװוינט.

לעצטער עטאַפּ

איך האָב יונגערהייט זיך געוואונדערט —
צי כ׳וועל דיך ווען זען, גרויסע וועלט;
נאָר כ׳האָב זינט אַ פערטל יאָרהונדערט,
די פראַגע שוין מער נישט געשטעלט.

איך וואַרף מיינע אַנקערם ניט זעלטן
אין האפּענס, פון לאַנד צו אַ לאַנד;
איך זע שוין צופיל פון די וועלטן,
מער זען בין איך שוין ניט אימשטאַנד.

אַנטרונען מיט צער־געפילן,
פון לאַנד וואו דערזען האָב איך ליכט, —
געלאָפן אָן וועגן, אָן צילן,
פון שונא מיט חיה־געזיכט.

און איצט ביי די ברעגן די נייע,
נאָך שווערסטן געליטענעם קלאַפּ;
איך פרעג אויב „דאָס לאַנד פון די פרייע״
וועט זיין שוין מיין לעצטער עטאַפּ ?...

פערטער טייל

צו דיר

צו דיר

זאָגסט, דיין האַרץ ווערט מידער, מידער —
קנייטשן זעסטו אין דיין שטערן;
און די האַרציק ליבע לידער
ווילסטו זינגען שוין אויפהערן.

דיינע גראָע, שיינע אויגן, —
יאָרן, יאָרן קומט צוריק! —
האָבן מיך געפירט, געצויגן,
צו אַ קוואַל פון פרייד און גליק.

כ'זע אויך איצט אין זיי דעם פייער,
כ'הער דיין האַרץ קלאַפּט ליב צו מיר;
און דיין קול, וואָס איז מיר טייער,
אייביק יונג בלייבט אָן אַ שיר.

וועסט, געליבטע, אַלט ניט ווערן,
פול מיט יונגשאַפט לייכט דיין בליק;
ביזט באַקרוינט פון דרייעק-שטערן :
צאַרטקייט, ליבע און מוזיק.

איך זוך דיך

איך קען דעם וועג שוין ניט געפינען,
וואָס האָט צום טייך אונדז טריי געפירט;
שוין מער ניטאָ די געאָרגינען,
וואָס האָבן אונז דאָס הויז באַצירט.

מיט בלעטער איז דער וועג פאַרשאָטן;
איך זוך אומזיסט די קליינע טריט —
די טריט, ווען האָסט אויף אים געטראָטן,
צו טרעפן מיך — איז זע זיי ניט.

איך זוך דיך ביי דער וואַנט פון שטיינער,
מיט מאָך באַדעקט — מיט גרינעם פליוש;
וואו יעדעם מאָל האָט פון אונדז איינער
געשענקט דעם אַנדערן אַ קוש.

דו ביזט ניטאָ — כ'האָב מוט פאַרלאָרן,
מיט דיר איז אויך די פרייד אַוועק.
און ליידיק איז אַרום געוואָרן —
מיט שטאַרקער בענקשאַפט אָן אַ ברעג.

די באַרקאַראָלע פון שאָפּען

(הערנדיק וולאַדימיר האָראָוויץ פּיאַנע־שפּילן)

צו דער נאַכט, און צום וואַסער — אַ הימן, אַ לויב,
זינגט מיט עקסטאַז שאָפּענס באַרקאַראָלע;
אַט הערט זיך אַ שטים וואָס רעדט זאַנפט ווי אַ טויב,
און אַ צווייטע וואָס ענטפערט איר פון אַ גאָנדאָלע.

מיט אַ שוואונגיקן ריטם שפּילט איצט די מוזיק,
דערציילט פון געליבטע די צוויי אַ דיאַלאָג:
— „ווי שיין איז די נאַכט, ווי גרויס אונדזער גליק,
ווי שטאַרק איז די ליבע וואָס איך צו דיר טראָג".

דאַן קומען קאָנטראַסטן, עס בייטן זיך טענער,
עס שניידט דורכן וואַסער די שטאָלצע גאָנדאָלע;
און ס'הילכן מעלאָדיעס אַלץ שענער און שענער
אין ווענעציע'ס נאַכט דורך קאַנאַלן די שמאָלע.

מיט איין מאָל גאָר מאַגיש פאַרבייט זיך דער טאָן —
אַ ניגון אַ ווייכער שוועבט דורך זייער שטיל;
דאַן ווידער אַ שטים — דער דועט הויבט זיך אָן,
דאָס ליד ווערט אינטים מיט אַ הייסן געפיל.

אַ ראָמאַנטישער חלום אין דער אַטמאָספער —
האַרמאָניע און ריטם פאַרכישופט און שאַפט;
עס ווערן די בלוטן איצט פול מיט באַגער —
ביים סוף פון דעם ליד איר בלייבט ווי פאַרגאַפט.

איצט דערציילט די מוזיק, ווי אין וואָלקנס געלאָפּ
דער מולד דער יונגער מאַכט זיין פּראָמענאַד, —
ווי אַ שטערן פון נייגיר געקוקט האָט אַראָפּ,
צעפלאַמט זיך און פליט ווי אַ פייל נע ונד.

וויאָלעטן

ס׳וועלקן אַלע בלומען
אין אַ קורצער צייט;
ליבע ווערט פאַרשוואומען
אין דער אייביקייט.

בלומען האָבן שפּראַכן,
יעדע האָט אַ מיין :
איינמאָל מיינט עס לאַכן,
איינמאָל — גאָר געוויין.

פרילינג — וויאָלעטן
שענק איך מיין באַשערטער;
אין מיין טאָג — מיין שפּעטן —
ריידן זיי אָן ווערטער.

אַ מאָדערנע סערענאַדע

כ׳וואָלט געוואָלט ביי דיר פאַרדינען:
ליבע, צערטלעכקייט און חן;
דו זאָלסט האָבן מיך אין זינען,
ווען דו בלייבסט אַליין, אַליין.

אין דיין האַרץ וויל איך געפינען
אַ שטיל ווינקעלע פאַר מיר;
כ׳וואָלט מיר דאַן מיט פרייד פאַרגינען
שיר השירים זינגען דיר.

דיינע ליפּן, דיינע פינגער,
רויט פון עכט פאַריזער רוזש;
דיינע אויגן בלישטשען יינגער,
ווען איך גיב זיי ליב אַ קוש.

דו ביזט אָבער שטרענג מאָדערן
און דיין האַרץ איז קאַלט ווי אייז;
מיך צו וואַרמען האָסטו גערן,
ליבע — איז אַן אַנדער פּרייז . . .

פון פּאַפּיר מיט מיינע סטאַנצן
ווערסטו באַגייסטערט אָן אַ ברעג;
נאָר דיין קאָפּ באַרוישט אינגאַנצן . . .
ס׳רוישן פון געשענקטן טשעק.

צוויי ווערטער

מיט יאָרן צוריק, אָפּט ביז שפּעט אין דער נאַכט,
מיר האָבן פאַרבראַכט ביז עס האָט שוין געטאָגט;
געטוליעט צו דיר זיך, אין ליבע פאַרטראַכט,
האָב איך דיר פון איר אָבער גאָרניט געזאָגט.

איצט ווייס איך, דו האָסט אַזוי פייניק געגאַרט
צו הערן דאָס וואָרט וואָס נאָר וואַרעמקייט טראָגט.
זאָל קלאַפּן דיין האַרץ, האָסטו תמיד געוואַרט,
ס'האָט אָבער מיין שווייגן פון מיר דיך פאַריאָגט.

געקומען אַ צווייטער און האָט דיר געזאָגט
וואָס צויבערט, פאַרכישופט, — צוויי ווערטער מסתמא,
מיך האָט ער אָן כישוף פאַרשטויסן, פאַריאָגט —
און האָט באַלד געפאַנגען דיין גוף און נשמה.

צו . . .

(סאָנעט)

איך האָב צו דיר מיט שטילער צערטלעכקייט גערעדט,
ווי ס׳פּאַסט צו ריידן פאַר אַן עלטערן פּאָעט,
ווען ס׳האָבן מיך באַרוישט, די איידעלע פּאַרפומען,
דער יוגנטלעכער רייץ וואָס איז פון דיר געקומען.
נאָר, גלייכגילטיק צו מיינע רייד און ריטם פון סאָנעט,
ביסטו אין דעם מאָמענט געוועזן גאַר פאַרנומען
מיט מעשות וואָס דער ווינטל, אויף זיין אופן שטומען,
האָט דיר דערציילט בסוד אין יענעם אָוונט שפּעט.

איך בין דעם ווינט מקנא און אַלץ וואָס ער געניסט,
ווען ער דיין גוף באַרירט און גלעט דיך צאַרט און לינד.
איך אָבער האָב געצערטלט דיך אָן אַ געדאַנק פון זינד,
כ׳האָב דיך מיט מיינע בליקן און מיט מיין ליד באַגריסט.
נאָר קאַלט בלייבסטו צום עקסטאַז פון עלטערן פּאָעט,
ווייל, אויך ווי מיך, נאָר יוגנט ציט דיך מער ווי אַ סאָנעט.

ו ביזט ניט אַזאַ ווי געווען . . .

דו ביזט ניט אַזאַ ווי געוועזן אַמאָל,
ווען הילכן פון פרייד פלעגט דיין זילבערן קול,
געבליצט האָבן צוויי גרויע אויגן מיט גליק
אין דער שעה — ווען צו דיר פלעג איך קומען צוריק.

נאָר איצט, מיט דיין קאָפּ צו מיין שולטער געבויגן,
דו קוקסט מיט אַ סאַמעטנער ווייכקייט אין אויגן;
עס זיינען אין זיי איצט נאָר פונקען געבליבן,
פון פייער וואָס מיך האָט צו דיר אַלץ געטריבן.

צוגעטוליעט צו דיר, צו דיין וואַרעמען גוף,
וועקט זיך שטראָם פון זכרונות אין מיר ווידער אויף.
און איך בענטש דיך, געליבטע, דערפאַר וואָס אין לעבן
האָסטו מיר פיל פריידיקע שעה׳ען געגעבן.

פינפטער טייל

באַלאַדעס און לעגענדעס

פּאָל באַניאַן *)

(אַ וואַלד־באַלאַדע)

אין אַ וואַלד, ווו די צווייגן פאַרשטעלן דאָס ליכט,
וואו עס וואַקסן פאַרשידענע בוימער געדיכט,
האָבן היציק און לאַנג אַ ויכוח געפירט —
יוסטע בוימער, וואָס זיינען מיט בלעטער באַצירט,
מיט די שכנים, וואָס קומען פון נאָדלנעם שטאַנד
און זיי טראָגן גרין־קליידער אַ יאָר נאָכאַנאַנד.
האָבן ביידע משפּחות — פון נאָדלען און בלעטער —
וואָס זיינען אין וועלדער דאָך גלייכע פאַרטרעטער,
האָבן ביידע מיט היץ זיך באַרימט, און מיט שטאָלץ,
אַז נאָר יעדער פון זיי איז דער בעסטער מין האָלץ.

* * *

זאָגט צו די שטעכיקע נאָדלען די בלעטער־פאַמיליע :
„קוקט, ווי שיין איז צו זען אונדזער בלעטער — מאַנטיליע,
מיט דעם שאָטענעם גרינוועב פון יעדער מין פאָרם —
אונטער וועלכע עס רוען סיי רייך און סיי אָרעם.
און ווער רעדט שוין פון אונדזערע רייכערע ברידער,
וואָס נאָך איידער די פרוכטן באַווייזן זיך ווידער —
ווערן אַלע באַדעקט מיט ווייס — ווייסינקע בלומען,
ווי אַ קלייד פון אַ כלה צו חופה גענומען.
איז געלויבט און גערימט אונדזער אָפּשטאַם געוויס !
גיט דער קלענאָווער בוים פריי זיין סיראָפּ גאָר זיס,
אַז נאָר צוקער אַליין ווערט פאַרגליכן מיט אים.
און פון דעמב מאַכט מען רו פאַר אַ חדר אינטים.
און אַחוץ זיינען אַנדערע בוימער פאַראַנען,
וואָס זיי ברענגען פיל פּרות, זשאָלודעס, קאַשטאַנען.

*) פּאָל באַניאַן — אַ לעגענדאַרע פיגור פון אַלט־אַמעריקאַנער פאָלקלאָר.

און עס ווייס יעדער מענטש, אַז אַביסעלע שפּעטער,
ווערן האַרבסטיק צעגליט און געפאַרבן די בלעטער,
און עס לויכט פון די צווייגן די פילפאַרביקע גראַציע —
די אַרטיסטיש-גראַטעסקע נאַטורס דעקאַראַציע.

* * *

„נאָך פאַרגעסט ניט אַז מיר״, זאָגט דער נאַדלנער שטאַם,
„זיינען אויך נישט קיין בוימער אין דער וועלט אַזוי סתם.
אַט פאַרבלייבט איר גאָר נאַקעט אַ גאַנצינקן זמן,
פאַר אונדז אָבער איז גאָר קיין וועלקן פאַראַן.
אונדזער גרין האָט קיין מורא פאַר פראָסט, ניט פאַר שניי!
און מיר גיבן פּראָדוקטן פון זיך אַלערליי
וואָס זיינען מער נוצלעך ווי חזירישע נים.
און אַ וויכטיקע זאַך, וואָס איר ווייסט ניט געוויס,
אַז פון אונדזער געהילץ מאַכן מענטשן פּאַפּיר,
וואָס ברענגט נוץ און ברענגט שוין פאַרן מענטשן אַן שיר״.

* * *

האָט זיך לאַנג אַזוי היים דער ויכוח געצויגן,
און עס האָבן זיך בוימער געשאָקעלט, געבויגן,
האָבן איינער דעם צווייטן דאָס לעבן פאַרשטערט,
ביז וואַנען עס האָט זיך אַ לאַרם דערהערט.
זיינען בוימער געוואָרן פאַרציטערט פון שרעק —
אָט, און ס׳קומט צו זיי אַלעמען באַלד שוין אַן עק!
אָ, ווער קוקט איצט אויף יחוס, ווער דינער, ווער פעטער,
ווער טראַכט צי פון נאָדל איז ער, אָדער — בלעטער.
באַלד און ס׳וועלן צוזאַמען גיין בוימער אין שפּאַן,
געקומען איז איצט דער גיגאַנט פּאָל באַניאַן,
פּאָל באַניאַן — וועלכער האַקט אוים אַ וואַלד אין אַ שעה,
און פון וואַלד איז דערנאָך שוין קיין זכר ניטאָ.
פּאָל באַניאַן טראָגט אַ האַק, וואָס איז פּופּציק פוס לאַנג,
און געשאַרפט ווי אַ חלף אויף אַן אייזערנעם שטאַנג.
אַז ער שווינגט מיט דער האַק און דערלאַנגט זיך אַ דריי,

פאַלן בוימער אַזוי ווי מען קאָסיעט די היי.
און פאַל׳ם בלויער אָקם מיט זיין מייל־לאַנגן עק,
ער כאַפּט אונטער בוימער און טראָגט זיי אַוועק
צו די זעגן, וואו בוימער פון נאָדלען און בלעטער
וועלן ווערן צעזעגט אויף דינינקע ברעטער,
אויף פלאַנקען און שינדלען, אויף שטאַנגען און דילן —
הייזער צו בויען פאַר מענטשן וואָס ווילן
פריי זיך באַזעצן אין פרייער אַמעריקע —
אין לאַנד וואָס געזוכט האָבן דורות פּיליעריקע.

* *
*

און אַזוי, ווי איר זעט, האָט באַניאַן פּאָל פאַרענדיקט
דעם קריג פון די בוימער וואָס פלעגט פאַרקומען שטענדיק.
און דער בלויער אָקס בעיב — ער, זיין העלפער געטרייער —
האָט פאַר וואַנדערער נייע געמאַכט דעם וואַלד פרייער.

* *
*

האָבן יונגינקע בוימער געהערט און געזען,
וואָס עס איז צו דעם אַלטן דור בוימער געשען.
אָבער ווי נאָר באַניאַן האָט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ,
מיט דעם בלויען אָקס בעיב — מיט זיין טייערן שאַץ —
האָט די יונגוואַרג שוין ווידער פונסניי אָנגעהויבן
אַלע זייערע מעלות ביזן הימל צו לויבן.
און עס האָט ניט געהאָלפן קיין טאַטע, קיין מאַמע,
עס האָט ניט געווירקט די פאַרלאָפענע דראַמע.

* *
*

די נאַטור פון די בוימער איז דאָך שווער אומצובייטן.
ניין, זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט אויפהערן שטרייטן
איבער יחוס און מעלות און אַנדערע זאַכן
ביז גיגאַנט פּאָל באַניאַן וועט אַ סוף פון זיי מאַכן.

דער ווינט

(לעגענדע)

וואו לויפסטו, ווינט, ארום ביינאַכט —
דו האָסט דאָך ניט קיין אויגן,
וואָס פירסטו מיטן דעמב אַ שלאַכט
און צווייגן האַלטסט געבויגן ?

צי זוכסטו, ווינט, אַן אוצר גאָר —
אין וואָרצלען טיף פאַרבאָרגן;
צי האָסט געזען אַ חלום קלאָר —
וואָס קומט מיט שווערע זאָרגן ?

— ניין, זינט פון מלאך׳ס שטאַרקע הענט
האָב איך זיך אָפגעריסן,
אויף זיינע פליגלען אָן אַן ענד
איך פלי קיין רו צו וויסן.

איך פלי פון מערב און פון צפון,
איך יאָג אין הויכע רוימען אום;
איך בין די וועלט שוין אויסגעלאָפן
און זוך מיין שומר אומעטום.

צוריק די פליגלען כ׳וויל אים געבן
און ווידער ווערן מלאך׳ס אויגן.
כ׳וויל ניט וואָיען, אייביק שוועבן,
אייביק מענטש און בוימער בויגן.

דער שטיין

(אַ מעשהילע)

אין אַ לאַנד פון בערג פאַרבאָרגן
האָט געלעבט אַ גוטער מלך.
אַלץ באַהערשט געווען מיט זאָרגן,
אים געלעבט האָט זיך ניט פריילעך.

אים פלעגט תמיד נאָר פאַרדריסן —
מענטשן לעבן נאָר פאַר זיך.
ניט צו זוכן, ניט צו וויסן,
שוועבן, שטרעבן — לייכט און גיך.

זיינע לייט צו אויספּרובירן —
גרויסן שטיין אינמיטן וועג
האָט ער געלייגט, וואו פורן פירן
מענטשן, סחורה — נעכט און טעג.

יעדער מענטש האָט זיך געוואונדערט:
זע, פון וואַנען קומט דער שטיין?
ניט געווען דאָ אַ יאָרהונדערט!
קיינער קאָן דאָס ניט פאַרשטיין.

יעדער איינער פלעגט זיך טראַכטן:
בעסער פאָר איך מיר אַרום
אויפן אומוועג ניי געמאַכטן,
אויפן וועג, וואָס גייט איצט קרום.

ס'איז אַ לאַנגע צייט פאַרלאָפן,
אויך דער מלך האָט פאַרגעסן
שטיין פון פרואוו, ביז ס'האָט געטראָפן:
איינעם האָט דער שטיין דערעסן.

„וואָס זשע ליגט ער דאָ — דער ריז,
אַז דורך אים גייט וועג ניט גלייך?
ניין, ניט לאָזן וואו ער איז —
גיי פון וועג — אַריין אין טייך"

זאָג און טו — און איינס, צוויי, דריי!
גאָר אָן הילף אַליין געמאַכט.
מענטש, אַ צווייטער, גייט פאַרביי,
קוקט און שמייכלט, קוקט און לאַכט.

ווען דער בריה האָט געוואָלט
גרוב פאַרשיטן — זעט ער דעק,
אויפשריפט אויף אַ זאַק מיט גאָלד:
„דעם, וואָס שטופּט דעם שטיין אַוועק".

אַ משל

אלון, אלון במה אברכך ?
(אגדתא)

עס האָבן פון בבל צוויי גרויסע
חכמים פון תורה גערעדט,
און האָבן אַ גאַנצינקן טאָג אין
וויכוחים, אין שאַרפע, פאַרבראַכט.
דאַן האָבן זיך געדריקט, און, ווען
אָפּשייד גענומען אין אָוונט שוין שפּעט,
האָט יעדער פון זיי וועגן אַנדערנס
קלוגשאַפט מיט יראת הכבוד געטראַכט.

„איך וויל זאָלסט מיך בענטשן", איין חכם
דעם צווייטן געזאָגט האָט באַשיידן,
יישר כח, וואָס דו האָסט געוואָלט דיינע פּערל -
געדאַנקען מיט מיר זיך צו טיילן".
„אַ ברכה ? פאַרוואָס דען ? דער גלאַנץ פון
דיין וואָרט מיר פאַרשאַפט האָט דאָך פריידן ?"
אים ענטפערט דער צווייטער : „נאָר כ'וועל
דיר אַ משל אַ קורצן דערציילן".

* *
*

מיט זיין פּאַק אויף די פּלייצעס געוואַנדערט
אַ מענטש האָט דורך שטעט און דורך לאַנד.
ביז פאַרבלאָנדזשעט האָט ער אין אַ מדבר,
וואו ס'האָבן געיאָמערט שאַקאַלן,
ס'האָבן טעג נאָכאַנאַנד אים געמאַטערט
מיראַזשן, ניט געווען מער אימשטאַנד
דורשט און הונגער נאָך ווייטער צו ליידן —
און ער איז אָן כוחות געפאַלן.

װען די אויגן געעפנט, דערזען האָט ער זאַכן —
געגלויבט האָט ער קוים:
ס'איז פאַרשוואונדן דער זאַמד און ער זעט אויף
זיין אָרט ס'רינט אַ װאַסער אַ ריינער,
און אַ שאָטן אַ קילן פאַרשפּרייט האָבן
צווייגן פון אַ פּרעכטיקן בוים,
וואָס געוועזן איז באַלאָדן מיט פּרוכטן, אַן
אויג ניט געזען האָט נאָך שענער.

האָט געמיינט ער צוערשט, אַז ווי פריער,
עס דויערט נאָך אַלץ דער מיראַזש.
באַלד נאָכדעם, ווי עס האָבן די אויגן אַנטציקט
די אַנטפּלעקונג באַקוקט,
האָט פּאַמעלאַך ער קוים צו דעם שטראָם זיך
דערצילט, און מיט פרישן קוראַזש
זיך געוואָרפן צום בוים, זיינע פּרוכטן באַרירט,
זיך מיט פרומקייט געבוקט.

זיך דערפרישט מיט קרישטאָל-ריינעם וואַסער,
געזעטיקט מיט כלערליי פּרוכטן,
לאַנג גערוט אינם שאָטן פון צווייגן, און
דעם שפּיל פונם ווינטל געהערט,
האָט דער וואַנדערער דאָ — זיינע טרערן
פון זוניקע שטראַלן באַלויכטן —
טיף צום בוים זיך פאַרנייגט, מיט געפיל אים
באַדאַנקט, ווי געוועזן איז ער ווערט:

„אַ, מיין בוים, זאָג — וואָס זאָל איך דיר
ווינטשן? האָסט דאָך אַלץ וואָס נאַטור האָט געגרייט.
פונם האַרץ פון דער ערד ציען
וואָרצלען פאַר דיר — דיין פאַרלאַנג,
ס'האָט דער ווינט פון די פּירות דעם ריח
אויף שטרעקעס פון מדבר פאַרשפּרייט,
אין דיין איינזאַמקייט פויגל
דערמוטיקן דיך מיט אַ כּישוף־געזאַנג.

דו אַליין ביסט גדולה און פּראַכט. גאָט
זאָל בענטשן וואָס וואַקסט אויס פון דיר.
זאָל אויף פליגלען דער ווינט ווייט
פאַרטראָגן, פאַרזייען פון דיר דיינע זאָמען,
זאָלן שפּראָצן אין מדבר אַזוינע
ווי דו אָן אַ צאָל, אָן אַ שיר,
זאָלן מענטשן צו זייערע שאָטנס די
קילע פון אומעטום שטראָמען".

* *
*

דער נמשל ?
אַ דור פון חכמים פון דיר זאָל אויפבליען,
וואָס וועט, ווי דו, תורה אין בבל און ציון
מיט טיפע און פרישע געדאַנקען אויפקלערן,
ווי דו, לערער און פירער ביי יידן זאָלן ווערן.

אַ רויז

(באַלאַדע)

אַז גאָט האָט געאָטעמט,
און זון איז געקומען,
איז נעפּל פאַרשוואונדן
פון איבער די בלומען.

אַ רויז אַ פּורפּורנע,
פון חלום דערוואַכט,
נאָך זוניקע שטראַלן
האָט דופּטיק געשמאַכט.

געקומען דער גערטנער,
צו בייט ביי דעם ראַנד,
אַ שטאָלענע שער
געהאַלטן אין האַנד.

די בלום איז געשניטן,
געבראַכט אין דער שטאָדט.
די פאַרחלשטע רויז
איז באַהעפט צו אַ דראָט.

אַ מענטש האָט גענומען
ביים גערטנער די רויז.
אין אָוונט, פאַרוועלקט,
זי געוואָרפן אַרויס!

געוועזן מער קיין לעבן,
אוים אָטעם פון גאָט.
געוועזן מער קיין רויז —
געבליבן איז דראָט . . .

שטערן

(לעגענדע)

אוי לאיש עני נולד בלי כוכב
(אבן עזרא)

פאַרנאַכט האָבן פרייליכע שטערן פון הימל
געוואונקען מיט שטראַלן, מיט זילבערן־ווייסע
צו בלומען, פאַרוויגט זיי אין דרימל,
דערציילט זיי — אַ הימלשע מעשה.

„אין הימל באַהעפט איז יעדער איינציקער שטערן
צו אַ ריינער נשמה פון אַ מענטש אויף דער ערד.
וואָס שענער די מידות ביים מענטשן עס ווערן,
אַלץ העלער צו שיינען איז זיין שטערן באַשערט.

אַ שטערן בעט אוים פאַר זיין ווייטן באַגלייטער
אַ שענערן מזל, אַ בעסערן זכות;
מיט אים דורכן לעבן צוזאַמען אויך גייט ער
און ברענגט אויף דער ערד אַלץ אַ הימלשן גרוס.

ווען דאָס פייער פון לעבן פאַרלעשט זיך אינגאַנצן
— קיין אייביק, קיין נצח ניטאָ איז פאַר קיינעם! —
דאַן הערט אויף זיין שטערן אין הימל צו גלאַנצן,
פאַרשווינדט אין אַ תהום מיטן מענטשן איינינעם".

עס האָבן זיך סאַמעטע בלעטלעך פאַרצויגן,
געדרעמלט, פאַרוויגטע, עס האָבן די בלומען
זיך ריטמיש געשאָקלט, די קעפּלעך געבויגן, —
ביז ס׳זיינען די ווינטיקע געסט אָנגעקומען.

דאַן האָבן די בלומען צו ווינטן דערציילט
וואָס אָקאָרשט זיי האָבן פון שטערן געהערט.
אַוועק זיינען ווינטן, די מעשה צעטיילט
צו טאָלן און בערג, צו דער זון איבער ערד.

די זון האָט דערציילט די לעגענדע צו מענטשן
אין אַלערליי לענדער, אין דערפער און שטעט.
זינט דאַן זוכט דער מענטש אוים זיין שטערן צו בענטשן,
צווישן שטערן־מזלות אין אָוונטן שפּעט.

אבישג השונמית

(באַלאַדע)

פון גאַנצן לאַנד דאָס שענסטע מיידל
צום אַלטן מלך איז געקומען.
איר שטאָלצער גוף, דאָך צאַרט און איידל,
באַצויבערט האָט דעם מלך פרומען.
ער האָט מיט אויפגעברויזטע בלוטן
די סאַמעט-אויגן ליב באַטראַכט;
מיט בענקשאַפט און געפילן גוטע
האָט זיין נשמה אויפגעוואַכט.

און ס'האָט דער מלך אזוי גערעדט:
„ווען כ'זע, אבישג, דיין געשטאַלט,
איך וויין, אין לעבנס-שקיעה שפעט,
דו קומסט, ווען כ'בין שוין שוואַך און אַלט.
געבליבן איצט איז נאָר מיין גייסט,
און מיין געפיל צו אַלץ וואָס שיין,
וואָס ברענגט אונדז פרייד, צום רוים זיך רייסט,
וואָס גלויבן וועקט אין גאָט אַליין.
דו, וויזיע פון אַ יונגער וועלט,
דו האָסט, שונמית, דאָך געוויס
אַ וואונדער-וועלט זיך פאַרגעשטעלט:
פאַנטאַזיע, טרוים און ליבע זיס.
טאָ, זאָג מיר איצט ווער האָט דיין רו,
דיין האַרץ, דיין זעל, ביי דיר גערויבט;
אין וועמען, זאָג, פאַרליבט ביסטו,
אין וועמענס וואָרט האָסטו געגלויבט?"

אבישג האָט אַזוי גערעדט :
„מיין האַרץ געהערט שוין יאָרן לאַנג
דעם אומבאַקאַנטן מיר — פּאָעט,
זיין תּפילה־ליד, און זיין געזאַנג!
איך ווייס ניט אויב איך מעג און דאַרף,
נאָר אויב דיר וועט ניט זיין דערווידער —
איך זע דאָ הענגט ביי דיר אַ האַרף —
אויף איר כ׳וועל שפּילן זיינע לידער״.

„למה רגשו גוים״ — געמאָנט
האָט מיט עקסטאַז אבישג׳ס שטים.
„ולאומים יהגו ריק״ — געטאָנט
די האַרף האָט מיט באַגלייט אינטים.
ווען זי געענדיקט האָט דעם שיר,
גערירט, דער מלך, מיט אַ גלעט,
האָט שטיל געזאָגט : „דאָס רעדט צו דיר
דער אומבאַקאַנטער דיר פּאָעט״.

„איך בין דער מלך, איך בין דוד,
דאָס האָט מיין מזמור דיך באַרוישט,
דיין זינגען איז פאַר מיר אַ כבוד,
כ׳האָב מורא נאָר — דו ביסט אַנטוישט״.

„אָ, ניין מיין האַר״, זאָגט זי צעשטראַלט,
„דיין ליד איז יונג, איך הער דיין רוף,
דיך, זאָגסט, מיין זינגען וואַרעם האַלט —
דאָס וועט דערפרישן אויך דיין גוף!״

אסטאריא

(באַלאַדע)

אין אָוונטן שפּעטע, אין טונקעלע אַלעיען,
וואָס פלעגן ביים פּאַלאַץ ווי שלאַנגען זיך דרייען,
איז שטאָלצע אַסטאַריאַ, די שיינע פּרינצעסין,
צעפלאַמט, ביי איר פּרינץ אַ פאַרליבטע געזעסן.

דער פּרינץ, מיט אַ קערפּער געטאָקט ווי פון שטיין,
מיט אויגן וואָס בלישטען מיט זון און מיט חן,
איז תמיד געווען אַ פאַרטראַכטער, אַ טרוימער,
געליבט מער ווי ווערטער, דעם רויש פון די בוימער.
אַסטאַריאַ, באַוועלטיקט פון ליבע באַגערדן,
געוואַרט האָט פון פּרינץ באַפרידיקט צו ווערן.
אַ שטאָלצע, האָט זי פון זיין קאַלטקייט געליטן:
ער האָט ניט געשטילט אירע הייסע געבליטן.
און, ווען ס'האָט מיט גלוסטן איר קערפּער געברענט,
מיט פייער האָט זי זיך צו אים דאַן געווענדט:

„עס האָט אַמאָן־רע, דער גאָט פון די געטער,
דיין גורל באַשטימט, און אין צוקונפט אויך וועט ער
פאַרזיגלען דעם בונד פון מיין לייב און געפיל —
פון שענסטער פּרינצעסין פון נוביע ביים ניל —
מיט דעם יידישן פּרינץ — אַזוי גייסטיק־גאַלאַנט,
צו טראָגן די קרוין פון עגיפּטן באַנאַנט.
ניטאָ נאָך אַ בונד נאָך פון גרעסערער פּראַכט,
ווי ליבע און שיינקייט — מיט גייסט און מיט מאַכט.
אָ, משה, געליבטער, וואָס קען נאָך זיין פיינער —
אַ בונד פון צוויי קערפּערס — דיינער און מיינער!"

אַסטאַריאַ געשפּירט האָט, אַז משה ניט זעלטן
געלעבט האָט אין וויזיעס פון אַנדערע וועלטן.
זי האָט זיי אין לייד ניט געקענט גאָר פאַרשטיין,
אַזוי אויך זיין וואַנדערן איינער אַליין
אין שטאָט וואָס פאַרוואָרפן ליגט לאַנג אין רואינען,
וואו איכנאַטאָן — פרעה אַראָפּ איז פון זינען,
זיך בוקנדיק פרום צו זיין איינציקן גאָט, —
פאַרוואָס אַמאָן־רע האָט פאַרשאָלטן די שטאָט.

מיט היץ האָט אַסטאַריאַ ווידער גערעדט
צו משה׳ן, דעם פרינץ, אין דער נאַכטיקער שפּעט:

„געליבטער געווינשטער, דו ווייסט מיין פאַרלאַנגען.
איך בין ווי אין זומער אין פעלדער די זאַנגען:
גאָר זאַפטיק און קרעפטיק, צום הימל געצויגן,
שטייף־שלאַנקע די שטאַמען, די קעפּ נאָר געבויגן,
זיי וואַרטן צו פאַלן צו פיס פון דעם שניטער,
ווען שניידן ער קומט זיי מיט האַנט אַ געניטער״.

* *
*

וואָס ווייטער אַלץ ווייטער איז משה געוואָרן.
עס האָט אַסטאַריאַ אין פלאַמיקן צאָרן
געפרוווט אַלע וועגן אים, משה׳ן צו שטערן
אַ גואל פון קנעכט אין מצרים צו ווערן.

נאָר דאָ איז אַסטאַריאַ, וויי, גאָר דערגאַנגען,
אַז אמת׳דיק זיינען די שרעקלעכע קלאַנגען:
ס׳האָט משה פאַרלאָזן די פרינצלעכע ברידער,
גענומען אַ ווייב זיך פון אָרעמען נידער
א כושית גענומען אָן ליבע, אָן פלאַם,
דאָך גייט זי מיט אים צו דעם יידישן שטאַם.

אַזוי איז געווען — און אַסטאַריאַ אַליין,
איז פאַרגאַנגען ביים פאַלאַץ אין אַ בלינדן געוויין.

משה רבינו

(באַלאַדע)

משה רבינו האָט צוויי מאָל געוויינט :
ביים אָנהויב פון לעבן און איין מאָל ביים סוף.

די שטראַליקע זון האָט אַ פּנים'ל באַשיינט
פון אַ קינד, וואָס געוועזן איז פאַרזונקען אין שלאָף,
ווען אַ שיינע פּרינצעסין — ביים ברעג פונם ניל —
האָט אַ סודות'פול קעסטל געצויגן פון טייך,
דעם צודעק געהויבן פּאַמעלעך און שטיל —
אַ קינד דאָרט געפונען — אַ מלאך צוגלייך!

דערשטוינט איז די טאָכטער פון פּרעה'ן געווען.
געעפנט האָט משה די קלוגינקע אויגן,
דערשראָקן, דעם הימל דעם בלויען דערזען, —
פון וואַנען גאָטס קול האָט צו אים זיך געצויגן.

און גאָט האָט גערעדט
צום קינד אין זיין בעט :

„אַ גורל אַ שווערער וועט זיין דיר באַשערט :
וועסט לערנען מיין פאָלק וואָס איז איצטער פאַרקנעכט,
צו רייסן די קייטן פון יאָך, וואָס אים שטערט
צו שטרעבן צו פרייהייט, צו יושר און רעכט,
דורך מדבר צו גיין צו דעם אייגענעם לאַנד,
צו בויען אַ לעבן פון הויכע מאָראַל,
און היטן געזעצן פון ריינעם פאַרשטאַנד,
וואָס איך וועל אים שענקען צום גליק פון דעם כלל!"

און משה צעוויינט האָט זיך הויך אויפן קול,
געוויינט אין זיין לעבן צום ערשט-ערשטן מאָל,
אין מורא צו נעמען די שליחות פון גאָט:
צו פירן דאָס פאָלק מיט זיין הייליק געבאָט.

**
*

געקעמפט, זיך געראַנגלט אַ לעבן אַ לאַנגן
האָט משה מיט פּרעה'ן, באַצווינגער און שונאים.
מיטן אייגענעם פאָלק זיך געקריגט, זיך געדונגען —
מיט גאָט אויך געאַמפּערט זיך פּנים אל פּנים.
עס זיינען פאַרלאָפן אין וואַנדער די יאָרן,
אין לערנען, אין שטראָפן, אין קעמפן און שטרעבן,
ביז משה דערשפּירט האָט: איז מיד שוין געוואָרן,
און באַלד וועט ער מוזן גאָט חשבון אָפּגעבן...

און דאַמאָלט האָט משה זיין לעבן באַטראַכט.
גערעדט מיט אַ ציטער, מיט פאָרוואורף צום בורא:
„מיך, פירער פון פאָלק, פאַר אַ שטאַמלער געמאַכט,
געשענקט ניט דאָס גליק אַז איך זאָל מיט דיין תורה
דערפירן מיין לעבן צום גליקלעכן סוף.
פאַרוואָס זאָל מיר קומען די ביטערע שטראָף,
אַז איך זאָל דאָס לאַנד, וואָס דו האָסט אונדז געשוואָרן
צו אברהם, צו יצחק און יעקב אַמאָל,
נאָר זען פון דערווייטנס, ווען אַלט שוין געוואָרן,
פון באַרגשפּיץ נבו, ביי יריחו אין טאָל?"

און משה צעוויינט האָט זיך הויך אויפן קול —
געוויינט איצט צום צווייטן, צום לעצט-לעצטן מאָל.

אינהאַלט

ערשטער טייל

שטילע וועגן

כ'ליב 9
דער פעלדוועג 10
עכּאָ 11
נוסבוים 12
די שטוב אויפן באַרג 13
אין איינזאַמקייט 14
ווינטער 15
כריזאַנטעמען 16
צוויי טייכן 17
דער הירש 18
דער האָז 20
דאַנדעליאָנען 21
עפּל 22
ווייט פון ניו־יאָרק 23
דריי בעריאָזקעס 24
לאַנדשאַפט 26
אלול מאָטיוון 27
באַרג „איזראַעל" 28
מאַסקאַראַד 30
זון וועט זיגן 32
פרימאָרגן 34
צום רויטן טולפּאַן 35
דער פריינט פון אַמאָל 36
געזאַנג פון וואַסער 38
צוויי וועגן 39
אַ ליכט 41
שטימונג 42
מיין הויף 43
דער אַקראָבאַט 45
אַ שטערנדל 46
אַ בלימל 47
טרערן 48

צווייטער טייל

ליכט אין אונדז

ליכט אין אונדז 51
שכנים 52
גלויב 53
באַגער 54
ווען ס'ברויזט אַמאָל 55
טויט 56
די גבורה 57
אומרעכט 58
דער שמייכל 59
אַ דראַט־קאָנצערט 60
אַנטוישונג 61
צו מיין הארץ 62
פריינטשאַפט 63
בייז און גוט 64
אַ מענטשן פאַרשטיין 65
צו אַ פריינט 66
אַ שפּאַס 67
חכמה 68
באַלד איז שוין... 69
אַ טרער 70
איך בין אַזוי מיד... 70

דריטער טייל

יידישע פּערל

ליטע 73
צוויי ליכט 76
צו מיין מאַמען 77
יידישע פּערל 78
איך בענק 79
בין השמשות 80
מיין היים 81
עמק הבכה 82
נעכטן 83
אַלץ דוכט מיר 84
אַ זיידע 85
מיין אייניקל 86
לעצטער עטאַפּ 87

פערטער טייל

צו דיר

צו דיר 91
איך זוך דיך 92
די באַרקאַראָלע פון שאָפּען . . 93
וויאָלעטן 94
אַ מאָדערנע סערענאַדע 95
צוויי ווערטער 96
צו 97
דו ביזט ניט אזא ווי געווען . . 98

פינפטער טייל

באַלאַדעס און לעגענדעס

פּאָל באַניאַן 101
דער ווינט 104
דער שטיין 105
אַ משל 107
אַ רויז 110
שטערן 111
אבאשג השונמית 113
אַסטאַריאַ 115
משה רבינו 117

מוזיק צו די לידער . . . 123-127

מוזיק איז געשריבן צו:

עכאָ	זייט 123		פון אריה אַבראַמסאָן
צו מיין מאַמען . . .	" 124-125		פון אריה אַבראַמסאָן
דער ווינט	" 126-127		פון קליקע-פּלייעל
ניגון 1	"	*)	מיין טאַטענס ניגונים, ווי איך געדענק זיי און ווי איך האָב זיי פאַרשריבן
ניגון 2		*)	

הילע געצייכנט פון י. שלאָם

*) מיין טאַטנס ניגונים — צוליב טעכנישע סיבות נישט אריין.


WORDS. BY.
J. H. SAPIRO.
ECHO.
MUSIC BY.
ARIE. ABRAHMSON.
(INTR)
MOD.
Voice
CH'GEI FUN WALD-- IN STEI-TL A-RAI-N FAR-TIFT IN GE-DANK UN
EIN-SAM A-LEIN STUN-KLT DER O-VNT DI LUFT- WI SHTU—M—
HAR-ZIG UN WACH IS DI E-CHO VI ICH
SWAR-ZN SICH BERG-DI-FN HIM-LI-SHN FON CHWIL HERN A KOL FUN A—
ENT FERT DEM SIN FUN MAIN TIFS-TN GE FIL, ENT-FERT MAIN REI—DN DER—
RUM UN A-RU-M UN CHREID ZU DER E-CHO MIT HIL-CHI-KN TON
MU-TIK-ND GICH— BA-GLEIT MICH UN FIRT MAI-NE TRIT IN DER STIL
A—U A—U A—U U A—U
(Music)
2.
A—U A—U A—U—U—
A—U
(music)
FINE

Words By J. H. Sapiro

Zu Main Mamen.

Music By Arie Abrahmson.




(music)
Voice
WU SAI-NEN WU IS DO CHOB
MOI-RE ZU FRE-GN DER MO-KEIN ME-NU-CHE FUN
BEIDN A- ICH GEI SHOIN DEM SOF FUN MAIN
LE-BN ANT-KE-GN NOR CHBENK ALZ NOCH MA-MEN WI A
YO-SEM A KIND.
RIT
KUM MA-ME IN CHO-LEM WIA-MO-LI-KE YO-RN ZU
GLE-TN MAIN STE-RN MIT DAIN
EI-DE-LER HANT DOS WET WEN ICH BIN ITST A YO-SEM GE-WO-RN
HEI-LN MAIN WUND WOS SHMERZT NOCH-A-NAND. HEI-LN MAIN WUND
WOS SCHMERZT NOCH-A-NAND
(music)
FINE

Words By.
J. H. Sapiro

Der Wint.

Music By.
M. Cliquet-Pleyel




ICH WIL DI FLIG—LEN IM OB - GE — BN UN
WI —DER WE-RN MA—LACHS OI — GN. GE — NUG ZU WOY—EN EI —BIK
SHWE — BN EI —BIK MENTSH UN BOI—MER BOI —GN.
Music
Voice
ICH WIL DI FLIG-LEN IM OB — GE-BN UN
WI —DER WE-RN MA-LACHS OI —GN.
FINE.

Imprimé en France.

Imprimerie GELBARD, 20, Rue Ferdinand-Duval, PARIS.

Dépôt légal : 2e Trimestre 1953.